ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

מסכת

# בבא מציעא חלק א'

## עם פירוש אידיש

### כפי רש"י ומלבי"ם ז"ל

וגם בלשון הקודש

**476**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשמ"ו לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# מסכת
# בבא מציעא
## חלק ראשון

עם פירוש אידיש כפי רש"י ומלבי"ם ז"ל, וגם הפירוש בלשון הקודש כפי מלבי"ם ז"ל

הפירוש הזה יחוה צפונות, ויגלה פליאות, ויפתור חידות, ויברר כי כל דברי תורה שבעל פה הלא הם כתובים באצבע אלקים בתורת הכתב ויתן אות ומופת על אמתת תורה שבעל פה ועל גודל חכמתה וקדושתה.

מלוקט ומעובד מנאי

שלמה בן בצלאל דריליך
שנת תשט"ז לפ"ק, ניו יארק.

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק, שנת תשמ"ו לפ"ק

ווייל תלמידי חכמים זינדיגען דאָך ווייניגער ווי די עמי הארץ.) והיינו דתנן ר׳ יהודה אומר הוי זהיר בתלמוד ששגגת תלמוד עולה זדון, און דאָס איז וואָס איז געלערנט אין א משנה אַז ר׳ יהודה זאָגט זיי געוואָרענט אין גמרא ווייל אַן אומגערנער טעות ווערט פאַררעכענט פאַר גערנווילינ, דען די הלכות זיינען געווענדט אָן זיינע אויסטייטשונגען. דרש ר׳ יהודה בר׳ אלעאי מאי דכתיב שמעו דבר ה׳ החרדים אל דברו, אלו תלמידי חכמים, אמרו אחיכם אלו בעלי מקרא, שנאיכם אלו בעלי משנה מנדיכם אלו עמי הארץ, האָט ר׳ יהודה ברבי אלעיא גע׳דרש׳נט וואָס מיינט דער פסוק, הערט אויס די רייד פון ג־ט וואָס ציטערען צו זיינע רייד, דאָס מיינט די תלמידי חכמים וואָס לערנען גמרא, עס האָבען געזאָגט אייערע ברידער אייערע פיינד אייערע באליידיגער צוליב מיין נאָמען ווערט ג־ט געערט און מיר ווען זעהן אין אַייער שמחה ווען אַלע אידען וועלען זיך פרעהען און זיי וועלען זיך שעמען. אייערע ברידער מיינט די וואָס לערנען פסוק דען די וואָס לערנען גמרא וואָס מיינט טעמי משנה פאַרשען דאָס אויס מיט פסוקים, און אייערע פיינט מיינט די וואָס לערנען משנה ווייל זיי האָבען קינאה אויף די בעלי גמרא, און די וואָס פאַרשעמען אייך מיינט מען די עמי הארץ דען זיי האָבען פיינט די תלמידי חכמים צוליב זייער גרויסקייט, פונדעסטוועגען זיינען זיי מיט די אידען אין איין בונד. שמא תאמר פסק סברם ובטל סיכוים, תלמוד לומר ונראה בשמחתכם, שמא תאמר ישראל יבושו? תלמוד לומר והם יבושו, עובדי כוכבים יבושו וישראל ישמחו, טאָמער וועסטו זאָגען אַז צוליב זייער פיינד־שאפט צו די תלמידי חכמים, איז אָפּגעהאקט זייער האָפנונג און צונישט זייער ערוואַרטונג, דערויף זאָגט דער פסוק און מיר וועלען זעהן אין אייער שמחה אם ירצה השם ווען ג־ט וועט העלפען, טאָמער וועסטו זאָגען אַז אידען וועלען זיך דאָ שעמען צוליב זייער געגנערשאפט צו די תלמידי חכמים, דערויף זאָגט דער פסוק והם יבושו, און אויב עס זאָל זיך באַציהען אויף די פריהער אויסגע־רעכענטע אידען שונאיכם מנדיכם, וואָלט דארפען שטעהן הם יבושו אָהן אַ וואַ״ו אָבער מיט א וואַ״ו, מיינט עס שוין אויף אַנדערע, דאָס מיינט שוין אַז די גוים וועלען זיך שעמען און די אידען וועלען זיך פרעהען:

## הדרן עלך אלו מציאות

המפקיד אצל חבירו בהמה או כלים ונגנבו או שאבדו, שילם ולא רצה לישבע, שהרי אמרו שומר חינם נשבע ויוצא, אַז איינער גיט צו באהאלטען ביים חבר א בהמה אָדער כלים, און זיי זיינען גע׳גנב׳ט געוואָרען אָדער פאַר־לוירען געגאנגען, אַז ער האָט באַצאָהלט און ניט געוואָלט שווערען, דען די חכמים האָבען דאָך געזאָגט אַז א שומר חינם קען שווערען און יוצא זיין, נמצא הגנב משלם תשלומי כפל, טבח ומכר משלם תשלומי ארבעה וחמשה, למי משלם? למי שהפקדון אצלו, אַז דער גנב איז נאכהער געפונען גע־וואָרען באַצאָהלט ער דאָפּעלט, אַז ער האָט די גנבה געשאָכטען אָדער פאַרקויפט באַצאָהלט ער פיר און פינף, פיר שאָף פאַר איין שעפּס און פינף גרויסע בהמות

פאַר איין בהמה, צו ווען באַצאָהלט ער? צו דעם וואָס דער פקדון איז ביי אים, ווייל ער האָט דאָך באַצאָהלט, **נשבע ולא רצה לשלם נמצא הגנב משלם תשלומי כפל טבח ומכר משלם ארבעה וחמשה, למי משלם? לבעל הפקדון.** אַז דער וואָס צו אים האָט ער געגעבן צו באהאלטען האָט אָפּגעשוואָרען אַז ער האָט ניט פארנאכלעסיגט דאָס היטען, און אויך אַז ער אַליין האָט עס ניט צוגענומען פאַר זיך, און ער האָט ניט געוואָלט באַצאָהלען און נאכהער איז געפונען געוואָרען דער גנב, באַצאָהלט ער דאָפּעל אויב ער האָט די גנבה גע־שאָכטען אָדער פאַרקויפט באַצאָהלט ער פיר אָדער פינף, צו וועמען באַצאָהלט ער? צו דעם וואָס האָט געגעבן צו באהאלטען, דער באַלעבאָס פון פקדון. **גמ', פרעגט די גמרא למה ליה למתני בהמה ולמה ליה למתני כלים? צריכי דאי תנא בהמה הוה אמינא בהמה הוא דמקני ליה כפילא משום דנפיש טירחה לעוילה ולאפוקה, אבל כלים דלא נפיש טירחייהו אימא לא אקני ליה כפילא,** צו וואָס איז געדאַרפט צו לערנען בהמה און אויך כלים איין געגענשטאנד איז דאָך גענוג געווען? ענטפערט די גמרא עס זיינען געדאַרפט ביידע, דען ווען ער וואָלט בלויז לערנען בהמה, וואָלט איך זאָגען, נאָר ביי א בהמה ווען ער באַצאָהלט דעם קרן, ניט ווילענדיג שווערען האָט מען אים געמאכט קונה זיין דעם כפל פונ'ם גנב, צוליב עס איז פאַראַן א סך באמי־הונג ביי איהר צו אריינעמען איהר אין שטאל און צו אַרויספיהרען פאַר פאשע אָדער לופט, אָבער כלים וואו ער האָט מיט זיי ניט קיין גרויסע באמיהונג, וואָלט איך זאָגען, מען האָט אים ניט געמאכט קונה זיין דעם כפל, לאָזט ער אונז הערען אויך כלים. **ואי תנא כלים הוה אמינא כלים הוא דקא מקני ליה כפילא, משום דלא נפיש כפלייהו, אבל בהמה דכי טבח ומכר משלם תשלומי ארבעה וחמשה, אימא לא מקני ליה כפילא? צריכא,** און ווען ער וואָלט בלויז לערנען כלים, וואָלט איך זאָגען, נאָר ביי כלים האָט מען אים געמאכט קונה זיין דעם כפל, צוליב זיי האָבען ניט קיין גרעסערען כפל, אָבער בהמה ביי טבח און מכר באַצאָהלט ער דאָך פיר אָדער פינף, וואָלט איך זאָגען מען האָט אים ניט געמאכט קונה זיין דעם כפל? איז דעריבער געדאַרפט צו לאָזען הערען ביידע. **מתקיף לה רמי בר חמא, והא אין אדם מקנה דבר שלא בא לעולם? ואפילו לר' מאיר דאמר אדם מקנה דבר שלא בא לעולם, הני מילי כגון פירות דקל דעבידי דאתו, אבל הכא** (דף ל"ד, ע"א) **מי יימר דמגנבא,** האָט רמי בר חמא א קשיא געפרעגט, א מענש קען דאָך ניט מאכען קונה זיין זאכען וואָס זיינען נאָך אויף דער וועלט ניטאָ, און אפילו נאָך ר' מאיר נאָך וואָס זאָגט אַז א מענש קען יאָ מאכען קונה זיין אַזוינע זאכען, זיינען די רייד נאָר געזאָגט ביי א שטייגער, פירות פון א בוים וועלכע מוזען קומען, אָבער דאָ ווער קען זאָגען אַז עס וועט קומען צו גניבה? **ואם תמצי לומר דמגנבא מי יימר דמשתכח גנב, ואי משתכח גנב מי יימר דמשלם דילמא מודי ומפטר?** און אויב דו וועסט שוין קענען זאָגען אַז עס וועט גע'גנב'ט ווערען, ווער קען זאָגען אַז דער גנב וועט געפונען ווערען, און אויב געפונען דעם גנב, ווער קען זאָגען אַז ער וועט דאַרפען צאָהלען כפל, פיליכט וועט ער מודה זיין און פטור זיין פון כפל? **אמר רבא נעשה כאומר לו לכשתגנב ותרצה ותשלמני,**

הרי פרתי קנויה לך מעכשיו, האט רבא געזאגט מיר נעמען אן ווי גלייך ער וואלט אים זאגען אימפאלס עס וועט גע'גנב'עט ווערען און דו וועסט צושטימען און מיר באצאהלען, זאל מיין קוה זיין פארקויפט צו דיר, נאך פון יעצט אן. מתקיף לה ר' זירא אי הכי אפילו גיזותיה וולדותיה נמי? אלמה תניא חוץ מגיזותיה וולדתיה, אלא אמר ר' זירא נעשה כאומר לו חוץ מגיזותיה וולדותיה, האט ר' זירא א קשיא געפרעגט אויב אזוי אויב ער האט נאך די זאך אלס א קנין פון פריהער, דארף דאך די וואל-שערונג און איהרע קינדער וואס די בהמה געווינט, געהערען צו אים? נאר האט ר' זירא געזאגט עס איז גלייך ווי ער וואלט צו אים זאגען אויסער די וואל-שערונג און איהרע קינדער. פרעגט די גמרא ומאי פסקא? סתמא דמילתא שבחא דאתי מעלמא עביד איניש דמקני, שבחא דמגופה לא עביד איניש דמקני, וואס שטימסטו אזוי אף אויף יעדען מענש אז כפל מאכט ער קונה זיין און אן אנדער זאך ניט? ענטפערט די גמרא די זאך איז געווענליך אזוי א שבח וואס קומט צו פון ערגעץ אנדערש מאכט א מענש קונה זיין, אבער א שבח וואס קומט צו פון דער בהמה אליין וואס זיין דעה איז דערויף מאכט א מענש ניט קונה זיין. איכא דאמרי אמר רבא נעשה כאומר לו לכשתגנב ותרצה ותשלמני, סמוך לגנבתה קנויה לך, מאי בינייהו? איכא בינייהו קושיא דר' זירא, אי נמי דקיימא באגם, טייל זאגען דאס רבא האט אזוי פארענטפערט אז עס איז גלייך ווי ער וואלט אים זאגען דאס גאעהנט פאר דער גנבה זאל די קוה ווערען קונה צו אים. וואס איז דער אונטערשייד צווישען די רבא'ס צוויי לשונות? עס איז אן אונטערשייד די קשיא פון ר' זירא, לויט'ן ערשטען לשון וואו ער מאכט אים קונה זיין באלד, פאלט צו די קשיא פון ר' זירא וועגען דער וואל און די קינדער, און לויט'ן צווייטען לשון פאלט די קשיא אוועק, אויך איז אן אונטערשייד וואו די גנבה איז פארגעקומען ווען די בהמה איז געווען אין פעלד, דאמאלט האט ער ניט געקענט קונה זיין, וואו די פעלד איז ניט זיין רשות, אבער לויט'ן ערשטען לשון האט ער דאך קונה געווען באלד: שילם ולא רצה לישבע וכו': אמר ר' חייא בר אבא אמר ר' יוחנן לא שילם שילם ממש אלא כיון שאמר הריני משלם, אף על פי שלא שילם, תנן שילם ולא רצה לישבע, שילם אין, לא שילם לא? האט ר' חייא בר אבא געזאגט פון ר' יוחנן וועגען אז דעם ווארט שילם וואס די משנה זאגט מיינט ניט אז ער האט טאקע שוין באצאהלט, נאר עס מיינט וויבאלד ער האט געזאגט איך באצאהל, כאטש ער האט נאך ניט געהאט באצאהלט קריגט ער שוין דעם כפל פונ'ם גנב, אויף דעם פרעגט די גמרא תיכף פון דער משנה, זי זאגט דאך ארויס שילם ער האט באצאהלט, וואס מיינט אז באצאהלט יא, ניט באצאהלט ניט? ווענדט די גמרא אף אימא סיפא נשבע ולא רצה לשלם, טעמא דלא רצה, הא רצה אף על פי שלא שילם, אלא מהא ליכא למשמע מינה, לויט דיין טייטש זאג'זשע די סיפא צו זעהן צו עס האלט אויס, די סיפא זאגט אז ער האט געשווארען און ניט געוואלט באצאהלען, איז דאך דער טעם אז ער האט ניט געוואלט, אבער ווען ער וואלט יא וועלען, וואס מיינט כאטש ער האט ניט באצאהלט, וואלט גוט זיין, נאר מוז זיין אן פונ'ם ווארט שילם. קען מען דאס

ניט דרינגען, ווייל עס קען אויך מיינען מיט'ן בלויזען ווערטער. **תניא כוותיה דר' יוחנן השוכר פרה מחבירו ונגנבה ואמר הלה הריני משלם ואיני נשבע, ואחר כך נמצא הגנב משלם תשלומי כפל לשוכר**, אזא גלייכונג ווי ר' יוחנן האבען מיר טאקע געלערנט, אז איינער האט געדונגען א קוה פון זיין חבר, און זי איז גע'גנב'ט געווארען און דער שוכר האט געזאגט איך וויל באצאהלען און וויל ניט שווערען, און נאכהער איז געפונען געווארען דער גנב, באצאהלט ער דעם כפל צום שוכר. **אמר רב פפא שומר חינם כיון שאמר פשעתי מקנה ליה כפילא, דאי בעי פטר נפשיה בגניבה**, האט רב פפא געזאגט א שומר חינם וויבאלד ער האט נאר געזאגט דאס איך האב טאקע פושע געווען האט ער שוין דערמיט קונה געווען דעם כפל, ווייל ווען ער וואלט וועלען, קען ער זיך פטר'ן מיט דער טענה אז זי איז גע'גנב'ט געווארען, היינט אז ער גיט צו, אז ער האט פושע געווען, וואו ער נעמט אויף זיך צו באצאהלען האט ער שוין דערמיט קונה געווען דעם כפל פונ'ם גנב, די פיר שומרין ווערען ווייטער דף כ"ד ארויסגעלערנט פון פסוקים א שומר חינם פטור'ט זיך פון אלעס מיט א שבועה צי ער האט ניט פושע געווען און א שואל איז חייב אויף אלעס, און א שומר שכר און א שוכר זיינען בלויז פטור פון אונסין צי נאטירליך צי דורך גזלנים, זיינען אבער חייב אויף גנבה און אבידה און א שואל כאטש ער איז חייב אויף אלעס, איז ער אבער פטור וואו די בהמה איז אוועקגעפאלען צוליב דער מלאכה צו וועלכער זי איז ראוי געווען, דען ער קען צו אים זאגען, דערויף האסטו דאך מיר איהר געליגען, ניט זי זאל שטעהן אויף אן אויסשטעלונג. **שומר שכר כיון שאמר נגנבה מקנה ליה כפילא, דאי בעי פטר נפשיה בשבורה ומתה**, און א שומר שכר וויבאלד ער האט נאר געזאגט אז זי איז גע'גנב'ט געווארען, האט ער שוין קונה געווען דעם כפל, ווייל ווען ער וואלט וועלען, קען ער זיך פטר'ן מיט דער טענה אז זי האט צובראכען א פוס, אדער זי איז גע'פגר'ט, (און ער האט איהר געמוזט שנעל אוועקראמען) און באצאהלען באצאהלט ער דאך אים פאר איהר. **שואל שאמר הריני משלם לא מקני ליה כפילא, במאי הוה ליה למפטר נפשיה? במתה מחמת מלאכה, מתה מחמת מלאכה לא שכיח**, אבער א שואל אז ער זאגט איך באצאהל, האט ער ניט קונה געווען דעם כפל, דען מיט וואס וואלט ער זיך קענען פטר'ן? מיט מתה מחמת מלאכה? דאס איז ניט קיין אורזאך, ווייל פאלענדיג צוליב געווענליכער מלאכה איז ניט שכיח, עס איז זעלטענס, עס זאל אזוי פאסירען, **איכא דאמרי אמר רב פפא שואל נמי כיון דאמר הריני משלם מקני ליה כפילא, דאי בעי פטר נפשיה במתה מחמת מלאכה**, טייל זאגען אז רב פפא האט געזאגט אז אויך א שואל וויבאלד ער זאגט איך באצאהל האט ער קונה געווען דעם כפל, ווייל ווען ער וואלט וועלען, קען ער זיך פטר'ן מיט דער טענה מתה מחמת מלאכה. **אמר ליה רב זביד הכי אמר אביי שואל עד שישלם, מאי טעמא? הואיל וכל הנאה שלו, בדבורא לא מקני ליה כפילה**, האט רב זביד געזאגט צו רב פפא, אזוי האט אביי געזאגט אזא שואל העלפט ניט, ביז ער באצאהלט ממש, ניט מיט'ן בלויזען צוזאג, וואס איז די סברה? צוליב ער האט דעם גאנצען גנוס, אהן

שום קאָסט איז ער מיט'ן בלויזען דיבור ניט קונה דעם כפל, תניא כוותיה דרב זביד השואל פרה מחבירו ונגנבה וקידם השואל ושילם, ואחר כך נמצא הגנב משלם תשלומי כפל לשואל, מיר האָבען געלערנט אזא גלייכונג ווי רב זביד אַז איינער האָט געליגען א קוה פונ'ם חבר, און זי איז גע'גנב'ט געוואָרען און דער שואל האָט זיך מקדים. געווען און באצאָהלט, און נאכהער איז געפונען געוואָרען דער גנב, באצאָהלט ער כפל צום שואל, ללישנא קמא דרב פפא וודאי לא הוי תיובתא, ללישנא בתרא לימא תהוי תיובתיה? אמר לך רב פפא מי אלימא ממתניתין דקתני שילם ואוקמינא באמר, הכא נמי באמר, לויט'ן ערשטען לשון רב פפא וואָס זאָגט אז א שואל איז ניט קונה דעם כפל וועט זיכער ניט זיין קיין קשיא פון דער ברייתא ווייל רב פפא זאָגט דאָך ניט ארויס צי שילם ממש, איז דאָך מעגליך אַז וואו ער כאפּט און באצאָהלט איז אויך רב פפא מודה אַז ער איז קונה דעם כפל, אָבער לויט'ן צווייטען לשון וואו רב פפא זאָגט אַז דער שואל איז יאָ קונה דעם כפל, מוזען מיר פיליכט זאָגען אַז עס איז יאָ א קשיא פון דער ברייתא, דען זי זאָגט דאָך אַרויס אַז ער כאפּט און באצאָהלט און רב פפא זאָגט וואו דער שואל זאָגט בלויז הריני משלם? ווענדט די גמרא אָפּ, רב פפא קען דיר אַזוי ענטפערען, איז דען די ברייתא שטארקער פון דער משנה, זי זאָגט דאָך אַרויס „שילם" אַז ער האָט באצאָהלט? פונדעסטוועגען האָבען מיר איינגעזעצט אַז דער שילם מיינט בלויז ער האָט געזאָגט איך באצאָהל, אַזוי אויך דאָ די ברייתא שמועסט וואו ער האָט בלויז געזאָגט איך באצאָהל, פרעגט די גמרא מי דמי התם לא קתני קידם, הכא קתני קידם? איז דען דאָס גלייך, אין דער משנה לערנט ער דאָך ניט קידם, אַז ער האָט מקדים געווען און געכאפּט און באצאָהלט, אָבער אין דער ברייתא דאָ לערנט ער דאָך קידם? ענטפערט די גמרא מאי קידם? קידם ואמר, הא מדקתני גבי שוכר ואמר, וגבי שואל קידם, שמע מינה דוקא קתני? ווייסטו וואָס די ברייתא מיינט מיט'ן וואָרט קידם? זי מיינט ער האָט מקדים געווען און געזאָגט אַז איך באצאָהל, און באלד פרעגט די גמרא איבער, פון דעם. וואָס ער לערנט ביים שוכר בלויז ואמר, און ביים שואל קידם, איז דאָך געדרונגען אַז ער מיינט פונקטליך? ווענד די גמרא אָפּ מידי גבי הדדי תניא? זיינען דען די צוויי פאלען צוזאמען געלערנט ווי א רישא מיט א סיפא צו גלייכען די לשונות? שיילינהו לתנאי דבי ר' חייא ודבי ר' אושעיא ואמרי גבי הדדי תניין, האָבען די אמוראים געפרעגט די זאך ביי די תנאים פון דער ישיבה פון ר' חייא און פון ר' אושעיא, האָבען זיי געזאָגט אַז די צוויי פאלען זיינען געלערנט צוזאמען, זאָגט די גמרא פשיטא אמר איני משלם וחזר ואמר הריני משלם, הא קאמר הריני משלם, אלא אמר הריני משלם (דף ל"ד, ע"ב) וחזר ואמר איני משלם מאי, מי אמרינן מהדר קא הדר ביה, או דילמא במלתיה קאי, ודחויי הוא דקא מדחי ליה? דאָס איז א געוויס, וואו ער האָט געזאָגט איך וויל ניט באצאָהלען און נאכהער האָט ער געענדערט און געזאָגט איך באצאָהל, האָט ער דאָך צוריק־געזאָגט אַז איך באצאָהל, אָבער אַז ער האָט געזעאָגט איך באצאָל און נאכהער האָט ער געענדערט איך וויל ניט באצאָהלען, ווי איז דער דין, צי זאָגען מיר

אַז ער מיינט דערמיט חרטה אויף ניט צו באַצאָהלען, אָדער פיליכט שטעהט ער נאָך ביי זיין שטאַנדפּונקט פון פריהער, נאָר ער איז אים בלויז מדחה, ווייל עס איז ניט דער שטייגער ווען איינער זאָגט צו באַצאָהלען ער זאָל צוריקציהען וועהרענד סייווי ער מוז באַצאָהלען, אמר הריני משלם ומת ואמרו בניו אין אנו משלמים מאי ? מי אמרינן מהדר קא הדרי בהו, או דילמא במילתא דאבוהון קיימי ודחויי הוא דקא מדחו ליה, אַז ער האָט געזאָגט איך וועל באַצאָהלען, און ער איז געשטאָרבען, און זיינע זיהן האָבען געזאָגט מיר באַצאָהלען ניט, ווי איז דער דין ? צי זאָגען מיר אַז זיי האָבען זיך צוריקגעצויגען, אָדער פיליכט שטעהען זיי נאָך אין זייער פאָטער'ס שטאַנדפּונקט, אַי וואָס זיי זאָגען אַזוי ? דאָס טוען זיי אַזוי צו מדחה זיין ? שלמו בנים מאי, מצי אמר להו כי אקנאי כפילא. לאבוכון דעבד לי נייח נפשאי, לדידכו לא, או דילמא לא שנא ? אַז די זיהן האָבען באַצאָהלט ווי איז דער דין, צי האָבען זיי קונה געווען דעם כפל, צי קען דער באַלעבאָס צו זיי זאָגען, אַז איך האָב געמאַכט קונה זיין דעם כפל, איז נאָר צו אייער פאָטער, ווייל ער האָט מיך צופרידען געשטעלט, אָבער צו אייך ניט, אָדער פיליכט איז קיין אונטערשייד ניט ? שילם לבנים מאי ? מצו אמרי ליה כי אקני לך אבונא כפילא, דעבדת ליה נייח נפשיה, אבל אנן לדידן לא, או דילמא לא שנא ? אַז דער שואל האָט באַצאָהלט צו די זיהן פון'ם באַלעבאָס, ווי איז דער דין צי ער האָט קונה געווען דעם כפל, צי קענען זיי זאָגען צום שואל, אַז אונזער פאָטער האָט דיר געמאַכט קונה זיין דעם כפל, איז עס צוליב דו האָסט אים צופרידענגעשטעלט, אָבער צו אונז האָסטו גאָרניט געטוען, אָדער פיליכט איז קיין אונטערשייד ניט ? שלמו בנים לבנים מאי ? שילם מחצה מאי ? שאל שתי פרות ושילם אחת מהן מאי ? אַז די זיהן פון שואל האָבען באַצאָהלט צו די זיהן פון'ם באַלעבאָס ווי איז דער דין ? אַז ער האָט באַצאָהלט האַלב ווי איז דער דין, אַז ער האָט געליגען צוויי קיה, און באַצאָהלט פאַר איינע ווי איז דער דין ? שאל מן השותפין ושילם לאחד מהן מאי ? שותפין ששאלו ושילם אחד מהן מאי ? שאל מן האשה ושילם לבעלה מאי ? אשה ששאלה ושילם בעלה מאי ? תיקו. אַז ער האָט געליגען פון די שותפין און ער האָט נאָר באַצאָהלט צו איינעם פון זיי ווי איז דער דין ? אַז שותפין האָבען געליגען פון איינעם, און נאָר איינער פון זיי האָט באַצאָהלט ווי איז דער דין ? אַז ער האָט געליגען פון דער פרוי, און באַצאָהלט האָט ער צו איהר מאַן ווי איז דער דין ? אַז אַ פרוי האָט געליגען און באַצאָהלט האָט איהר מאַן ווי איז דער דין ? די סברות פאַר און געגען זיינען אויבענאויף, און עס איז דאָך אַנדערש פון'ם געוויינליכען דין פון קנין כפל, בלייבען דעריבער די פראַגען שטעהן. אמר רב הונא משביעין אותו שבועה שאינה ברשותו, מאי טעמא ? חיישינן שמא עיניו נתן בה, האָט רב הונא געזאָגט אַז מען באַשווערט אים אַ שבועה צי די זאַך איז ניט אין זיין רשות, וואָס איז די סברה ? מיר באַזאָרגען דאָס פיליכט האָט ער געלייגט אַן אויג דערויף, טענה'ט ער אייגענס אַז זי איז גע'גנב'ט געוואָרען אום צו קענען באַצאָהלען פאַר איר, זי זאָל בלייבען ביי איהם. מיתבי המלוה את חבירו על המשכון ואבד המשכון,

**ואמר לו סלע הלויתיך עליו שקל היה שוה, והלה אומר לא, כי אלא סלע הלויתני עליו סלע היה שוה פטור,** וועל איך דיך א קשיא פרעגען מיר האָבען געלערנט אַז איינער האָט געליגען צו זיין פריינד אויף א משכון און דאָס משכון איז פאַרלוירען געגאנגען, און דער מלוה האָט געזאָגט צום לוה א סלע האָב איך דיר געליגען אויפ׳ן משכון און נאָר א שקל וואָס איז אַ העלפט איז ער ווערט, און דער זאָגט ניין, נאָר א סלע האָסטו מיר געליגען אויף איהם און אַ סלע איז ער אויך ווערט געווען איז דער לוה פטור פון א שבועה וויל ער לייקענט אינגאנצען, דען נאָר א מודה במקצת איז חייב א שבועה. **סלע הלויתיך עליו שקל היה שוה, והלה אמר לא, כי אלא סלע הלויתני עליו שלשה דינרין היה שוה חייב,** אַז דער מלוה טענה׳ט א סלע האָב איך דיר געליגען אויף אים און בלויז א שקל איז ער ווערט געווען, און דער לוה זאָגט ניין, נאָר א סלע האָסטו מיר געליגען אויף אים און בלויז דריי דינרין איז ער ווערט געווען, איז דער לוה חייב א שבועה אלס מודה במקצת. **סלע הלויתני עליו, שנים היה שוה, והלה אומר לא, כי אלא סלע הלויתיך עליו סלע היה שוה, פטור,** אַז דער לוה איז געווען דער מאָהנער טענה׳דיג א סלע האָסטו מיר געליגען אויף אים און צוויי סלעים איז ער ווערט געווען, און דער מלוה ענטפערט ניין, נאָר א סלע האָב איך דיר געליגען אויף אים און אַ סלע איז ער ווערט געווען, איז ער פטור פון א שבועה, וויל ער איז ניט קיין מודה במקצת. **סלע הלויתני עליו, שנים היה שוה, והלה אומר לא, כי אלא סלע הלויתיך עליו ה׳ דינרין היה שוה חייב,** אַז דער לוה האָט געזאָגט א סלע האָסטו מיר געליגען אויפ׳ן משכון, און צוויי איז ער ווערט געווען, און דער מלוה זאָגט ניין, נאָר אַ סלע האָב איך דיר געליגען אויף אים און בלויז פינף דינרין איז ער ווערט געווען, איז ער חייב צו שווערען אַלס מודה במקצת. **מי נשבע? מי שהפקדון אצלו, שמא ישבע זה ויוציא הלה את הפקדון,** ווער זאָל דאָ שווערען? דער וואָס דער פקדון איז ביי אים, וויל טאָמער אַז דער צווייטער וועט שווערען, וועט דערנאָך דער געגנער אַרויס-ציהען דעם פקדון און איבערצייגען געגען אים און פסל׳ן איהם, פרעגט די גמרא **אהייא? אילימא אסיפא, ותיפוק ליה דשבועה גבי מלוה היא דהא קא מודי מקצת הטענה? אלא אמר שמואל ארישא,** אויף וועלכען פאַל געהט דאָ אַרויף? זאָל איך זאָגען אויף דער סיפא וואו דער מלוה איז דער מודה מקצת, קענסט דאָך דיר דרינגען אַז די שבועה איז ביים מלוה, דען ער איז דאָך דער מודה מקצת, דאַרפסט דאָך ניט אָנקומען צום טעם וועגען אַרויס-צייגען דעם משכון? נאָר האָט שמואל געזאָגט עס געהט אַרויף אויף דער רישא, **מאי ארישא? אסיפא דרישא סלע הלויתיך עליו שקל היה שוה, והלה אומר לא, כי אלא סלע הלויתני עליו, שלשה דינרין היה שוה חייב, דשבועה גבי לוה הוא, ואמור רבנן לשתבע מלוה,** וועלכע רישא מיינסטו דאָ, עס איז דאָך ניט פאַראַן קיין שבועה ביי דער רישא? נאָר עס מיינט אויף דער סיפא פון דער רישא וואו דער מלוה טענה׳ט א סלע האָב איך דיר געליגען אויף אים, און א שקל איז ער ווערט געווען, און דער לוה זאָגט ניין, נאָר א סלע איז געווען די הלואה אויף אים און **דריי דינרין איז ער ווערט געווען,**

וואו ער איז חייב א שבועה אלס מודה מקצת, איז דאָך די שבועה ביים לוה, האָבען די רבנן געזאָגט אז שווערען זאָל דער מלוה, **שמא ישבע זה ויוציא הלה את הפקדון, ואם** (דף ל"ה, ע"א) **איתא לדרב הונא, כיון דמשתבע מלוה שאינה ברשותו, היכי מצי מפיק לה,** די שבועה איז געלעגט אויפ'ן מלוה, ווייל טאָמער אַז דער לוה זאָל שווערען וועט דער מלוה דערנאָך אַרויס־ווייזען דעם משכון צו פסל'ן דעם לוה. און אויב עס וואָלט טאקע אַזוי זיין ווי רב הונא זאָגט אַז דער מלוה שווערט צי דער פקדון איז ניט אין זיין רשות, ווי וואָלט זיין א קלער צו אַרויסצייגען דעם פקדון, ווי קען ער דאָס טוען נאָך דער שבועה? **אמר רבא שיש עדים שנשרפה, אי הכי מהיכי מייתי לה?** האָט רבא געזאָגט עס שמועסט וואו עס איז פאַראַן עדות אַז דער פקדון איז פאַרברענט געוואָרען דאַרף ער שוין ניט שווערען די שבועה שאינה ברשותו, נאָר בלויז אויפ'ן ווערט פון פקדון, און באלד פרעגט ער איבער, אויב אַזוי מעג דאָך שוין דער לוה שווערען, דען פון וואו וואָלט דער מלוה קענען דעם פקדון ברענגען צו איבערווייזען — אויב ער איז שוין פאַרברענט? **אלא אמר רב יוסף שיש עדים שנגנבה, סוף סוף מהיכא מייתי לה? דטרח ומייתי לה,** נאָר האָט רב יוסף געזאָגט עס שמועסט וואו עס איז פאַראַן עדות אַז דער פקדון איז גע'גנב'עט, אויף דעם פרעגט ער איבער אָבער ענדליך פונוואַנעט קען דער מלוה ברייגנען דעם פקדון, אויב ער איז שוין גע'גנב'עט? ענטפערט די גמרא עס איז פאַראַן א מעגליכקייט ער זאָל זיך מטריח זיין נאָכ־זוכען דעם פקדון און ברייגנען אים. פרעגט די גמרא **אי הכי כי משתבע מלוה נמי ליטרח לוה ולייתי, בשלמא מלוה ידע מאן קא עייל ונפק בביתיה, ואזיל וטרח ומייתי לה, אלא לוה מי ידע מאן עייל ונפיק בביתיה דמלוה,** אויב אַזוי אויב נאָכזוכען, איז דאָך אז דער מלוה שווערט אויך אַזוי פאַראַן א מעגליכקייט, אַז דער לוה זאָל נאָכזוכען און ברענגען דעם פקדון, צו פסל'ן דעם מלוה? ענטפערט די גמרא אנדערש דער מלוה, ער ווייסט דאָך ווער עס האָט זיך געדרעהט אין זיין הויז, זוכט ער ביי זיי נאָך, און ברענגט עס, אָבער דער לוה ווי ווייסט ער ווער עס האָט זיך געדרעהט אַריין און ארויס ביים מלוה? **אביי אומר גזירה שמא יטען ויאמר לו, אחר שבועה מצאתיה,** אביי זאָגט עס איז אַ גזירה אַז דער מלוה זאָל אויך שווערען די צווייטע שבועה אויפ'ן ווערט פון פקדון, ווייל אויב דער לוה זאָל שווערען, קען נאָך דער מלוה ברענגען דעם פקדון מיט'ן אויסרייד דאָס ערשט נאָך דער ערשטער שבועה האָט איך דעם פקדון געפונען — און מיט אים פסל'ן דעם לוה פאַר פאלש שווערען. **רב אשי אמר זה נשבע וזה נשבע, זה נשבע שאינה ברשותו וזה נשבע כמה היה שוה, והכי קאמר מי נשבע תחילה? מלוה נשבע תחילה, שמא ישבע זה ויוציא הלה את הפקדון,** רב אשי זאָגט דער זאָל שווערען און דער זאָל שווערען, דער וואָס האלט דעם פקדון שווערט, אַז ער איז ניטאָ אין זיין רשות און דער לוה שווערט וויפיל דער פקדון איז ווערט געווען, און אַזוי מיינט דער תנא צו זאָגען ביי א פאל וואו עס איז פאַראַן צוויי שבועות, ווער שווערט פריהער? דער מלוה שווערט פריהער ווייל אויב דער לוה זאָל שווערען פריהער, קען נאָך פיללייכט דער

מלוה אויפווייזען דעם פקדון צו פסל'ן דעם לוה. די חכמים גיבען ניט לכתחילה אזא שבועה וועלכע מען זאָל קענען פסל'ן. **רב הונא בר תחליפא משמיה דרבא אמר רישא דסיפא תיובתא לרב הונא, סלע הלויתני עליו שתים היה שוה, והלה אומר לא, כי אלא סלע הלויתיך עליו, סלע היה שוה פטור, ואם איתא לדרב הונא מגו דמשתבע מלוה שאינה ברשותו לישתבע נמי אגלגול שבועה כמה היה שוה?** רב הונא בר תחליפא האָט געזאָגט אין נאָמען פון רבא די רישא ביי דער סיפא איז דאָך א שווערע קשיא אויף רב הונא, זי לערנט אַז דער לוה זאָגט א סלע האָסטו מיר געליגען אויף אים און צוויי סלעים איז ער ווערט געוועזן און דער מלוה זאָגט ניין. נאָר א סלע האָב איך דיר געליגען און אַ סלע איז ער ווערט געוועזן, איז דער מלוה פטור, און אויב עס זאָל זיין ריכטיג ווי רב הונא זאָגט אז דער מלוה שווערט אַז דער פקדון איז ניט אין זיין רשות, איז דאָך צוליב ער שווערט שוין די שבועה, אויך צו שווערען אויף דער גלגול שבועה, מען לערנט דאָך אַרויס פון סוטה אַז מען וואַלגערט אויף אים. נאָך א שבועה וואָס איז פאַראַן דורך חשד, און ווען איז זעה אַז דער תנא לעגט ניט אויף אים די שבועה, מוז דאָך זיין אַז מען שווערט ניט די שבועה שאינה ברשותו, איז דאָך א קשיא אויף רב הונא? **אמר רב אשי אמריתה לשמעתא קמיה דרב כהנא ואמר לי תהא במאמינו,** האָט רב אשי געזאָגט איך האָב איבערגעזאָגט די הלכה פאַר רב כהנא, האָט ער מיר געזאָגט לאָז זיין אַז עס שמועסט וואו דער לוה גלויבט אים אַז ער האָט טאקע מעהר ניט דעם פקדון. פרעגט די גמרא **ונהמניה לוה למלוה נמי בהא, כמה הוה שוה? לא קים ליה בגויה,** זאָל דער לוה אויך גלויבען דעם מלוה ביי דעם וויפיל דער פקדון איז ווערט געוועזן? ענטפערט די גמרא דער לוה האַלט אַז דער מלוה איז ניט זיכער דערביי וויפיל ער איז ווערט. פרעגט די גמרא **ונהמניה מלוה ללוה דקים ליה בגויה? לא מהימן ליה. ומאי שנא לוה דמהימן ליה למלוה, ומאי שנא מלוה דלא מהימן ליה ללוה?** זאָל דער מלוה גלויבען צום לוה צו וועמען דער ווערט איז יאָ זיכער? ענטפערט די גמרא דער מלוה גלויבט ניט דעם לוה, און ווארום איז אנדערש וואָס דער תנא כאפט אָן אַז דער לוה גלויבט יאָ צום מלוה, און דער מלוה צום לוה גלויבט ניט? ענטפערט די גמרא **לוה מקיים ביה במלוה תומת ישרים תנחם, מלוה מקיים ביה בלוה, וסלף בוגדים ישדם,** דער לוה איז מקיים קעגען מלוה דעם פסוק אַז די גאַנצקייט פון די בעלי יושר טוט זיי פיהרען, דען אַז ער האָט אים געליגען געלד, איז עס דאָך צוליב ער איז א בעל יושר, אניט וואָלט דאָך דער לוה צו אים ניט געהן, דינט ער אים צוריק אָפּ דערמיט וואָס ער גלויבט אים אויפ'ן פקדון דאָס ער איז פון אים גע'גנב'עט געוואָרען, אָבער דער מלוה געגען לוה איז מקיים דעם פסוק אַז די קרומקייט פון די פעלשער טוט זיי באַרויבען, דען דער מלוה זעהט דאָך ניט ביים לוה נאָר געגענערשאפט, דאָס לא די ער פאַרלירט דעם חוב פאַרלאַנגט ער נאָך דעם עודף האָט ער אַן אורזאך אים חושד צו זיין. נאָך א סברה איז פאַראַן דערביי, די ערליכע אידען אַז זיי לייהען געלד אויף א משכון באטראכטען זיי אים. אַז זיין ווערט זאָל ניט איבער־

טרעפען איבערן חוב, אום דער לוה זאָל אים ניט חושד זיין, צו וואַרפען אַן אויג אויפ'ן משכון, און דער לוה האָט אים דאָך ביים לייהען ניט אויפמערקזאם געמאכט אַז דער משכון האָט מעהר די' ווערט: **ההוא גברא דאפקיד כיפי גביה חבריה, אמר ליה הב לי כיפי, אמר ליה לא ידענא היכא אותבינהו, אתא לקמיה דרב נחמן אמר ליה כל לא ידענא פשיעתא היא זיל שלים.** א מאן האָט געגעבען צו באהאלטען צירונג צו זיין חבר, מיט אמאָהל האָט ער צו אים געזאָגט גיב מיר צוריק מיין צירונג, האָט ער צו אים געזאָגט איך ווייס ניט וואו איך האָב זיי אוועקגעלייגט, איז ער געקומען צו א דין תורה פאַר רב נחמן, האָט ער צו אים געזאָגט יעדער ענטפער פון ניט וויסען הייסט א פשיעות, געה באצאָהל אים. **לא שילם אזל רב נחמן אגביה לאפדניה מיניה, לסוף אישתכח ואוקיר, אמר רב נחמן הדרי למרייהו והדרא אפדנא למרה,** ער האָט אַלץ ניט באצאָהלט ביז רב נחמן איז געגאנגען און געמאכט גובה זיין הויז פון אים, צום סוף איז געפונען געוואָרען די צירונג נאָר דער פרייז דערפון איז שוין געוועזן העכער, האָט רב נחמן געזאָגט די צירונג געהט צוריק צום באלעבאָס און די הויז געהט צוריק צו איהר באלעבאָס. **אמר רבא הוה יתיבנא קמיה דרב נחמן ופרקין המפקיד הוה, ואמרי ליה שילם ולא רצה לישבע ולא אהדר לי,** האָט רבא געזאָגט איך בין געזעסען פאַר רב נחמן ביי דעם דין תורה, און דאָס האָט דאָך געהאט צו טאָן מיט'ן פרק המפקיד, און איך האָב צו אים געזאָגט עס איז דאָך דער דין פון שילם ולא רצה לישבע וואו ער איז קונה דעם כפל, זאָל ער דאָ אויך קונה זיין וואָס איז טייערער געוואָרען? און ער האָט מיר גאָרניט געענטפערט, **ושפיר עביד דלא אהדר לי, מאי טעמא? התם לא אטרחיה לבי דינא, הכא אטרחיה לבי דינא,** און רב נחמן האָט גוט געטאָן וואָס האָט מיר ניט געענטפערט, וואָס איז די סברה? דאָרט ביי דער משנה המפקיד שמועסט דאָך וואו ער איז אים ניט מטריח צום בית דין, אָבער דאָ ביים צירונג האָט ער דאָך אים מטריח געוועזן צום בית־דין איז ער אים ניט מוחל דעם כפל. פרעגט די גמרא **למימרא דסבר רב נחמן דשומא הדר? שאני התם דשומא בטעות הוה, דקא הוה כיפי מעיקרא,** עס קומט דאָס אויך צו זאָגען דאָס רב נחמן האלט אז שאצונג געהט צוריק? ווי א שטייגער דאָרט די הויז איז צוריק און אויס שאצונג דארף דאָך אָנגענומען זיין אַזוי? ענטפערט די' גמרא דאָרט איז אנדערש ווייל די שאצונג איז געוועזן מיט א טעות, ער האָט געמיינט די צירונג איז פאַרלוירען געגאנגען, און די' איז דאָך געוועזן פון פריהער אָן. **אמרי נהרדעי שומא הדר עד תריסר ירחי שתא, ואמר אמימר אנא מנהרדעא אנא, וסברא לי שומא הדר לעולם והלכתא שומא הדר לעולם משום שנאמר ועשית הישר והטוב,** די נהרדעי האָבען געזאָגט אז שאצונג געהט צוריק ביז צוועלף חדשים, אויף דעם האָט אמימר געזאָגט איך בין פון די נהרדעי און איך האלט אַז די שאצונג געהט צוריק ביז אייביג, צוליב דער פסוק זאָגט זאָלסט טוען וואָס איז ישר און טוב, זאָגט די גמרא **פשיטא שמו ליה לבעל חוב ואזל איהו ושמה לבעל חוב דידיה, אמרינן ליה לא עדיף את מגברא דאתית מיניה,** דאָס איז זיכער אויב מען האָט דעם לוה'ס פעלד

געשאצט פאַר'ן בעל חוב און דער בעל חוב איז געגאנגען און האָט עס אַזוי פאַרשאצט פאַר זיין בעל חוב, דאָס זיכער דער שאַץ געהט צוריק אויב דער לוה גיט די געלד, ווייל מיר זאָגען צום צווייטען דו ביזט ניט בעסער פונ'ם ערשטען, מכח וועלכען די קומסט. **זבנה אורתא ויהבה במתנה ודאי הני מעיקרא אדעתא דארעא נחות, ולאו אדעתא דזוזי נחות.** אויך איז זיכער אַז אויב דער בעל חוב האָט נאכהער פארקויפט די פעלד אָדער געמאכט ירש׳-נען איהר אָדער אוועקגעגעבען במתנה, דאָס זיכער האָבען די לייטע וועלכע האָבען געקראָגען די פעלד אין זינען געהאַט פריהער, דאָס זיי געהען מיט דער דעה צו האָבען די פעלד, ניט מיט דער דעה צו האָבען די געלד, אַזאַ שאצונג געהט ניט צוריק נאָר זיי בלייבען ביי דער פעלד. **שמו לה לאשה ואינסיבא, או שמו מינה דאשה ואינסיבא ומתה, בעל בנכסי אשתו לוקח הוי לא מיהדר ולא מהדרינן ליה,** אויך איז זיכער, אויב מען האָט געשאצט צו א בעל חוב אַ פרוי וועלכע האָט צוגענומען די פעלד פאַר'ן חוב און זי האָט געהייראט, וואו די פעלד קומט אין מאנ'ס רשות, אָדער מען האָט געשאצט דער פרויס פעלד צו א בעל חוב ווען זי איז שולדיג געווען, און זי איז געשטאָרבען, האָט דער מאן דעם דין ביי די פעלד ווי א לוקח, ניט די פעלד וואָס איז אריינגעקומען צום מאנ'ס רשות געהט צוריק צום לוה ווען ער גיט די געלד צוריק, און ניט די פעלד וואָס מען האָט ביי איהר פאַרנומען, גיבען מיר צוריק צום מאן, נאָר די פעלד בלייבט ביים בעל חוב און דער מאַן קען די פעלד ניט אויסלייזען צוליב די הייראט איז א שפעטערע, **דאמר ר' יוסי בר חנינא באושא התקינו האשה שמכרה בנכסי מלוג בחיי בעלה ומתה, הבעל מוציא מיד הלקחות,** דען ר' יוסי בר חנינא האָט געזאָגט אַז אין אושא האָט דער בית דין מתקן געווען, דאָס אויב אַ פרוי האָט פארקויפט פון איהר נכסי מלוג ביים מאנ'ס לעבען, מיט'ן באדינג אַז די פירות כל זמן זי לעבט זאָל געהערען צום מאן, און זי איז געשטאָרבען, קען דער מאַן אַרויס-ציהען די נכסי-מלוג-פעלד פון די קויפער, ווייל אַלס קויפער צו איהרע נכסי-מלוג איז דער מאַן פריהער, האָט דאָך דער מאַן דעם דין אַלס קויפער לגבי איהרע נכסי מלוג. (**דף ל"ה, ע"ב**) **אגביה איהו בחובו פליגי בה רב אחא ורבינא, חד אמר הדרה וחד אמר לא הדרה,** אַז ער אליין האָט גע-מאכט גובה זיין די פעלד פאַר זיין חוב צום מלוה קריגען אין דער זאַך רב אחא און רבינא איינער זאָגט אַז די פעלד געהט צוריק און איינער זאָגט אַז די פעלד געהט ניט צוריק, **מאן דאמר לא הדרה סבר האי זביני מעליא היא דהא מדעתא דנפשיה אגביה, ומאן דאמר הדרה סבר לא זביני מעליא היא,** דער וואָס זאָגט די פעלד געהט ניט צוריק, דער האלט אַז דאָס הייסט א גוטער פאַרקויף, דען מיט'ן אייגענעם ווילען האָט ער דאָך איהם געמאכט גובה זיין, און דער וואָס זאָגט אַז די פעלד געהט יאָ צוריק, דער האלט אַז דער פאַרקויף איז ניט קיין רעכטער פאַרקויף, **והאי דאגביה מדעתיה ולא אתי לדינא מחמת כיסופא הוא דאגביה,** אַי וואָס ער אליין האָט איהם געמאכט גובה זיין, ניט קומענדיג צום בית דין, דאָס האָט ער אַזוי געטאָן צוליב שאנדע, **ומאימת אכיל פירי? רבה אמר מכי מטיא אדרכתא**

**לידיה, אביי אמר עדיו בחתומיו זכין לו, רבא אמר מכי שלימו יומי אכרזתא,** און פון ווען אַן געניסט ער שוין די פירות פון דעם פעלד? רבה זאָגט פון דער מינוט אַן ווען דער שטר־בית־דין אויף דעם פעלד גרייכט צו דער האנד פון מלוה. אביי זאָגט פון דער חתימה אַן ביים בית־דין אַלס שטר צו איבערנעמען די פעלד. רבא זאָגט פון ווען עס ענדיגען זיך די אויסרוף־טעג פאַר'ן באוואוסטען פעלד נאָכ'ן ערהאַלטען דעם שטר אדרכתא: **מתני', השוכר פרה מחבירו והשאילה לאחר ומתה כדרכה, ישבע השוכר שמתה כדרכה, והשואל ישלם לשוכר,** אַז איינער דינגט א קוה פון זיין חבר און ער האָט איהר אַוועקגעליהען צו אַן אנדערען און זי איז אַוועקגע'פגר'ט ביי געוויינליכע אומשטענדען, דאַרף דער שוכר שווערען צום באַלעבאָס אַז זי איז מתה כדרכה, דען אויף אונסין איז ער דאָך פטור, און דער שואל דאַרף באַצאָהלען איהר צום שוכר, ווייל ער איז דאָך חייב באונסין, **אמר ר' יוסי כיצד הלה עושה סחורה בפרתו של חבירו? אלא תחזור פרה לבעלים,** האָט ר' יוסי געזאָגט ווי אַזוי קען דאָס זיין אַז א מענש זאָל נאָך מאַכען א געשעפט מיט'ן חבר'ס קוה? נאָר די קוה דאַרף צוריקגעהן צו די בעלים: **גמ', אמר ליה רב אידי בר אבין לאביי מכדי שוכר במאי קני להאי פרה? בשבועה, ונימא ליה משכיר לשוכר דל אנת ודל שבועתך ואנא משתעינא דינא בהדי שואל?** האָט רב אידי בר אבין געזאָגט צו אביי מיט וואָס איז דען דער שוכר קונה די קוה, מיט דער שבועה וואָס ער באַרוהיגט דעם באלעבאָס אַז ער האָט ניט פושע געווען נאָר זי איז מתה כדרכה, קען דאָך דער באַלעבאָס דער משכיר זאָגען צום שוכר נעם דיך אַוועק און נעם אַוועק דיין שבועה, און איך וועל שמועסען דין מיט'ן שואל, וועל איך דאָך אָפקריגען מיין געלד? **אמר ליה מי סברת שוכר בשבועה הוא דקא קני? משעת מיתה הוא דקני ושבועה כדי להפיס דעתו של בעל הבית.** האָט ער צו אים געזאָגט מיינסטו דען אַז דער שוכר איז קונה די קוה מיט דער שבועה? ניין, ער האָט נאָך קונה געווען איהר פון צייט מיתה, און די שבועה איז בלויז אויף צו באַרוהיגען דעם משכיר. **אמר ר' זירא פעמים שהבעלים משלמים כמה פרות לשוכר, היכי דמי? אגרה מיניה מאה יומי והדר שיילה מיניה תשעין יומי הדר אגרה מיניה תמנן יומי, והדר שיילה מיניה שבעין יומי ומתה בתוך ימי שאלתה, דאכל שאלה ושאלה מיחייב חדא פרה,** האָט ר' זירא געזאָגט צומאָהל קען זיך טרעפען אַז די בעלים זאָלען מוזען באַצאָהלען מעהר קיה צום שוכר כאָטש געווען איז עס נאָר איין קוה, ווי קען דאָס געמאָהלט זיין? עס שמועסט דער שוכר האָט געדונגען א קוה פונ'ם באלעבאָס אויף הונדערט טעג, נאכהער איז צוריקגעקומען דער באלעבאָס צום שוכר און געבעטען ביי אים דאָס ער זאָל אים צוריקלייהען די קוה אויף נײַנציג טעג, נאָך א פאָר טעג שפּעטער איז ווידער געקומען דער שוכר צום באלעבאָס, דאָס אויף די רעשט אכציג טעג זאָל ער אים אויפסניי פאַרדינגען די קוה ווייל ער דאַרף איהר נויטיג, מיט א פאָר טעג שפּעטער איז ווידער געקומען דער באַלעבאָס און געבעטען אויף צוריקלייהען די קוה פאַר די רעשט זיבעציג טעג, און זי איז אַוועקגע'פגר'ט אין די לעצטע זיבציג לייה־טעג, דאָס פאַר יעדער שאלה איז

דער באלעבאָס חייב צו באצאָהלען א קוה, און עס איז דאָך ניט קיין אונטער־שייד צי דער באלעבאָס טוט עס צי אַן אנדערער ,און מען קען דאָך דאָ אָנ'משל'ן נאָך זעכציג און פופציג טעג, און עס קומט דאָך דאָ אויס אַז דער באלעבאָס פארלירט די קוה אַלס משכיר און באצאָהלט נאָך מעהר קיה אַלס שואל. **אמר ליה רב אחא מדיפתי לרבינא מכדי חדא פרה היא, עיילה ואפקה, אפקה משכירות ועיילה לשאילה, אפקה משאילה ועיילו לשכירות?** האָט רב אחא פון דיפתי געזאָגט צו רבינא, סיווי איז דאָך נאָר דאָ געווען איין קוה, נעם איהר אַריין און נעם איהר צוריק אַרויס, נעם איהר אַרויס פון שכירות, און נעם איהר אַריין צו שאילה, נעם איהר אַרויס פון שאילה און גיב איהר אַריין צו שכירות, זי איז דאָך אלץ די זעלבע קוה? דאַרף דער באלעבאָס באצאָהלען נאָר פאַר איין קוה. **אמר ליה ומי איתא לפרה בעינא, דנימא ליה הכי?** האָט ער צו אים געזאָגט איז דען די פרה נאָך דאָ פאַר די אויגען, זי עקזיסטירט דאָך מעהר ניט, נאָר בלויז אַלס געלד מאָנונג וואו טעאָרעטיש ער האָט צוויי מאָהל געליגען א קוה? **מר בר רב אשי אמר אין לו עליהן אלא שתי פרות, חדא דשאלה וחדא דשכירות, שום שאלה אחת היא ושום שכירות אחת היא, בשאלה קנו לגמרי, דשכירות עבד בה ימי שכירותה ומיהדר ליה למרה,** מר בר רב אשי האָט געזאָגט יעדער מאָהנער איינער אויפ'ן אנדערען צי דער שוכר צי דער שואל, איז אויף זיי ניט פאראַן נאָך צוויי קיה, איינע פון שאלה און איינע פון שכירות, ווייל פאַר שאלה איז נאָר פאַראַן איינע און פאַר שכירות איז אויך נאָר פאַראַן איינע, די פון שאלה האָט דאָך דער שואל געענצליך קונה געווען דאַרף ער איהר באַ־צאָהלען, אָבגעבענדיג אים א נייע קוה אָדער געלד, און די פון שכירות דאַרף ער איהם געבען, ער זאָל אָפּאַרבעטען זיינע שכירות טעג, און נאכהער צוריק־געבען איהר צום באלעבאָס, דער מר בר רב אשי האלט ווי די קשיא פון רב אחא. **אמר ר' ירמיה פעמים ששניהם בחטאת, (דף ל"ו,ע"א) פעמים ששניהם באשם, פעמים שהשוכר בחטאת והשואל באשם, פעמים שהשוכר באשם והשואל בחטאת,** האָט ר' ירמיה געזאָגט ביים פאלש שווערען פון שואל אָדער שוכר, איז צומאָהל פאַראַן אַזביידע האָבען אויף זיך צו ברייגגען א קרבן חטאת פאַר זייער פאלש שווערען ווי יעדע שבועת ביטוי וואָס יעמאנד שווערט צו טוען און ער טוט ניט, אָדער פאַרקערט צו ניט טוען און ער טוט יאָ, וואו קיין געלד פארלייקנונג איז ניט געווען, און צומאָהל ביידע אַן אשם דהיינו וואו זיי האָבען מיט זייער שווערען פאַרלייכטערט אויף זיך די צאָהלונג, און צומאָהל נעמט דער שוכר אויף זיך מיט זיין שבועה א קרבן חטאת, און דער שואל אַן אשם, און צומאָהל נעמט דער שוכר אויף זיך אַן אשם און דער שואל א חטאת. **הא כיצד? כפירת ממון אשם, ביטוי שפתים חטאת, פעמים ששניהם בחטאת, כגון שמתה כדרכה ואמרו נאנסה, שוכר דבין כך ובין כך מיפטר פטור בחטאת, שואל דבין כך ובין כך חיובי מיחייב בחטאת,** ווי אַזוי מאָהלט מען עס אויס? אַז עס איז פאַראַן ביי דער שבועה א געלד־אָפּלייקנונג, קומט אַן אשם און אַז בלויז א פאלשע שבועה קומט א חטאת, צומאָהל ביידע זאָלען מחוייב זיין א חטאת איז

געמאָהלט וואו די בהמה איז מתה כדרכה, און זיי האָבען געשוואָרען אַז די קוה איז נאנס געוואָרען, דער שוכר וואָס איז סייווי פטור, ברענגט פאַר דער פאַלשער שבועה א חטאת, דער שואל וואָס איז סייווי חייב, דען סיי אויף מתה כדרכה סיי אויף נאנסה איז ער דאָך חייב, האָט ער דאָך זיך מיט דער שבועה גאָרניט איינגעבראכט, אויב ער האָט פאלש געשוואָרען איז ער חייב א חטאת, דער שואל מוז סייווי שווערען צי די בהמה איז ניט אין זיין רשות, וואלגערט מען שוין צו די נאָך טענות אפילו די וועלכע העלפען אים ניט. **פעמים ששניהם באשם, כגון שנגנבה ואמרו מתה מחמת מלאכה, דתרווייהו קא כפרי ממונא, דהא מיחייבי וקא פטרי נפשייהו,** צומאָהל בייביידע אן אשם איז געמאָהלט ,וואו די בהמה איז גע'גנב'עט געוואָרען, און זיי האָבען געזאָגט אַז די בהמה איז געפאלען צוליב געוועגליכער מלאכה אין דעם אופן האָבען דאָך ביידע געלייקענט געלד, ווייל זיי וואָלטען דאָך חייב זיין, און מיט דער טענה האָבען זיי זיך גע'פטר'ט, ברייגגען זיי ביידע אַן אשם. **שוכר בחטאת ושואל באשם כגון שמתה כדרכה ואמרו מתה מחמת מלאכה, שוכר דבין כך ובין כך מיפטר פטור חייב בחטאת, שואל דמיחייב במתה כדרכה וקא פטר נפשיה במתה מחמת מלאכה, באשם,** א שוכר מיט א חטאת און א שואל מיט אַן אשם איז געמאָלט, וואו די בהמה איז מתה כדרכה און ביידע האָבען געשוואָרען אז מתה מחמת מלאכה, דער שוכר וואָס איז סייווי פטור ברענגט צוליב פאַלשער שבועה א חטאת, און דער שואל וואָס איז חייב ביי מתה כדרכה, וויל ער זיך דאָך פטר'ן מיט מתה מחמת מלאכה הראויה לה, דארף ער ברייגגען אן אשם. **שוכר באשם ושואל בחטאת כגון שנגנבה ואמרו מתה כדרכה, שוכר הוא דמיחייב בגניבה ואבידה, וקא פטר נפשיה במתה כדרכה, באשם, שואל דבין כך ובין כך חיובי מיחייב בחטאת,** דער שוכר זאָל חייב זיין אן אשם און דער שואל א חטאת איז געמאָהלט, וואו די בהמה איז גע'גנב'ט געוואָרען, און זיי האָבען געשוואָרען אויף מתה כדרכה, דער שוכר איז דאָך חייב פאַר גניבה און אבידה און ער פטר'ט זיך דאָ מיט מתה מחמת כדרכה, דאַרף ער ברייגגען אן אשם, דער שואל איז דאָך סייווי חייב, דאַרף ער ברייגגען א חטאת, פרעגט די גמרא **מאי קא משמע לן? לאפוקי מדר׳ אמי דאמר כל שבועה שהדיינין משביעים אותה אין חייבין עליה משום שבועת ביטוי שנאמר או נפש כי תשבע לבטא בשפתים, כי תשבע מעצמה, קא משמע לן דלא כר׳ אמי,** וואָס לאָזט אונז דאָ ר׳ ירמיה הערען, משניות אין שבועות רעדען דאָך שוין פון אַזאַ געגענשטאנד דאָס נאָר אויף פטר'ן זיך פון געלד קומט אן אשם? ענטפערט די גמרא ער קומט דאָ צו אַרויסציהען פון ר׳ אמי, דען ער זאָגט אַז אויף שבועות וואָס דער בית דין באשווערט איז מען ניט חייב צוליב שבועת ביטוי, ווייל דער פסוק ביי שבועת ביטוי אַז דער נפש וועט שווערען צו אַרויסריידען מיט די ליפען צו אסור'ן אויף זיך, מיינט עס דאָ וואו ער שווערט אליין, ניט וואו דער בית דין לעגט אויף אים א שבועה, לאָזט ר׳ ירמיה אונז הערען אַז עס איז ניט די הלכה ווי ר׳ אמי, נאָר די שבועה נעמט אויך ארום אַלע שבועות, אויסער וואו ער פטר'ט זיך דורך איהר פון געלד, דאָס קומט אויך אויס

וי ר' עקיבא וואָס איז מחייב א קרבן אויך אויף לשעבר. **אתמר שומר שמסר לשומר רב אמר פטור, ור' יוחנן אמר חייב, אמר אביי לטעמיה דרב לא מבעיא שומר חנם שמסר לשומר שכר דעלויי עלייה לשמירתו,** מיר האָבען געלערנט אַז א שומר גיט איבער די זאַך צו אַן אנדער שומר, זאָגט רב אז דעמזעלבען פטור וואָס ער וואָלט זיין ביי זיך, איז ער אויך פטור ביים צווייטען שומר און ר' יוחנן זאָגט ער איז חייב אפילו באונסין צוליב'ן איבער־געבען צו אַן אנדערען, האָט אביי געזאָגט לויט דער סברה פון רב איז קיין פראַגע ניט וואו א שומר חנם האָט איבערגעגעבען די זאַך צו א שומר שכר דאָס זיכער ער איז פטור ווייל ער האָט דאָך דערמיט געהויבען די שמירה. **אלא אפילו שומר שכר שמסר לשומר חינם דגרועי' גרעה לשמירתו פטור מאי טעמא ? דהא מסרה לבן דעת,** נאָר אפילו ווען א שומר שכר האָט איבערגעגעבען צו א שומר חינם, וואו ער האָט געמינערט זיין שמירה, איז ער אויך פטור, וואָס איז די סברה? ווייל ער האָט דאָך איבערגעגעבען די זאַך צו א בר דעת, **ולטעמיה דר' יוחנן לא מבעיא שומר שכר שמסר לשומר חנם דגרוע גרעה לשמירתו, אלא אפילו שומר חנם שמסר לשומר שכר דעלויי עלייה לשמירתו, חייב, דאמר ליה אין רצוני שיהא פקדוני ביד אחר,** און לויט דער סברה פון ר' יוחנן איז קיין פראַגע ניט וואו א שומר שכר גיט איבער צו א שומר חנם דאָס געוויס ער איז חייב, ווייל ער האָט דאָך דערמיט געמינערט זיין שמירה, נאָר אפילו ווען אלס שומר חנם ער גיט איבער צו א שומר שכר וואו ער האָט געהעכערט זיין שמירה איז ער חייב ווייל ער קען זאָגען צו אים, מיין רצון איז ניט געווען אַז מיין פקדון זאָל זיין אין אַן אנדערענס האנד. **אמר רב חסדא הא דרב לאו בפירוש אתמר אלא מכללא דהנהו גינאי דכל יומא הוו מפקדי מרייהו גבה דההיא סבתא, יומא חד אפקדינהו לגבי חד מינייהו, שמע קלא בי הלולא נפק אזל אפקדינהו לגבה דההיא סבתא,** האָט רב חסדא געזאָגט די זאַך אַז רב זאָגט אַזוי איז ניט בפירוש געלערנט אין רב'ס נאָמען, נאָר פון א געדראַנג איז ער אַרויסגע־לערנט, דען די גאָרטען־ארבעטער פלעגען יעדען טאָג געבען צו באהאלטען זייערע לאָפּעטעס צו דער אלטער פרוי, איין טאָג האָבען זיי געגעבען די לאָפּעטעס צו איינעם פון זייערע מענשען, היטענדיג אַזוי האָט ער דערהערט א קול ביי א הולאנקע, איז ער אַרויס און געגעבען צו באהאלטען צו דער אלטער פרוי, **אדאזל ואתא אגנוב מרייהו, אתא לקמיה דרב ופטריה, מאן דחזא סבר משום שומר שמסר לשומר פטור, ולא היא, שאני התם דכל יומא נמי אינהו גופייהו גבה דההוא סבתא הוו מפקדי להו,** ווי נאָר ער איז אַוועק און צוריק, זיינען די לאָפּאָטעס געווען אַוועקגע'גנב'ט איז ער געקומען פאַר רב און ער האָט אים גע'פטר'ט פון צו באצאָהלען, דער וואָס האָט דאָס דערזעהן האָט געדענקט אַז רב פטר'ט אים צוליב ער האלט א שומר גיט איבער צו א שומר איז ער אויך פטור, דעריבער האָט דאָס רב חסדא געלערנט דיי־אָ סברה אויבען אין נאָמען פון רב, אָבער עס איז ניט אַזוי ווייל דאָרט איז אנדערש דען יעדען טאָג אויך האָבען זיי אַליין געגעבען צו דער אַלטער פרוי צו באהאלטען. **יתיב ר' אמי וקאמר לה להא שמעתא, איתיביה ר'**

אבא בר ממל לר' אמי השוכר פרה מחבירו והשאילה לאחר ומתה כדרכה, ישבע השוכר שמתה כדרכה והשואל משלם לשוכר, ואם איתא לימא ליה אין רצוני שיהא פקדוני ביד אחר? איז ר' אמי געזעסען און איבערגעזאגט די הלכה, האט ר' אבא בר ממל א קשיא געפרעגט צו ר' אמי, מיר האבען געלערנט אז איינער האט געדונגען א קוה פון זיין חבר, און איהר אוועקגעליגען צו אן אנדערען און זי איז מתה כדרכה, איז דער דין אז דער שוכר דארף שווערען אז די בהמה איז טאקע אוועקגעשטארבען אין געוויינליכען וועג, און דער שואל מוז באצאהלען פאר איהר צום שוכר דען דער שואל איז אויך חייב אפילו פאר אונסין, און אויב עס זאל טאקע אזוי זיין אז שומר לשומר איז חייב, האט ער דאך געקענט טענה'ן צום שוכר, מיין רצון איז דאך ניט געווען אז מיין זאך זאל זיין אין אנדערענס האנד? איז דאך א קשיא אויף ר' אמי וואס ער האלט אז שומר לשומר איז חייב? אמר ליה הכא במאי עסקינן? בשנתנו לו רשות הבעלים להשאיל, אי הכי לבעלים בעי לשלומי? דאמרי לדעתך, האט ער צו אים געזאגט ווייסטו ווי דא שמועסט? וואו די בעלים האבען געגעבען רשות צו אוועקלייהען, און באלד פרעגט ער איבער אויב אזוי וואלט דאך דער שואל צום באלעבאס דארפען באצאהלען? ענטפערט די גמרא עס שמועסט וואו דער באלעבאס זאגט לויט דיין דעה מעגסטו איהר אוועקלייהען. מתיב רמי בר חמי המפקיד מעות אצל חבירו צררן והפשילן לאחוריו, מסרן לבנו ובתו הקטנים ונעל בפניהם שלא כראוי חייב, שלא שמר כדרך השומרין( האט רמי בר חמי א קשיא געפרעגט אז איינער האט געגעבען צו באהאלטען געלד צו זיין חבר, האט ער זיי צונויפגעבונדען און ארונטערגעלאזט אויף זיין פלייצע, אדער ער האט זיי איבערגעגעבען צו זיינע קליינע קינדער נאר ער האט פאר זיי פארשלאסען די טהיר ניט געהעריג, איז ער חייב ווייל ער האט ניט געהיטען אין געהעריגען שטייגער פון שומרין, טעמא דקטנים הא דגדולים פטור, אמאי, נימא ליה אין רצוני שיהא פקדוני ביד אחר? אמר רבא כל המפקיד (דף ל"ו, ע"ב) על דעת אשתו ובניו הוא מפקיד, די סברה וואס ער איז חייב איז צוליב קטנים, אבער ווען ער גיט איבער צו גדולים וואלט ער פטור זיין, ווארום אזוי, ער קען דאך צו אים זאגען אז מיין רצון איז ניט, מיין פקדון זאל איבערגעגעבען ווערען צו אן אנדערען, און ווען מיר זעהען אז ביי גדולים שאדט ניט, מוז דאך זיין אז מיר זאגען ניט אין רצוני אלס א גוטע טענה, איז דאך א קשיא אויף ר' אמי לויט ר' יוחנן? האט רבא געזאגט לעולם איז די טענה קיין טענה ניט, אי ווארום וואלט דא ביי גדולים יא גוט געווען? דאס איז ווייל יעדער וואס גיט יענעם צו באהאלטען, גיט ער מיט דער דעה, דאס ער קען זיך אויך באנוצען מיט זיין פרוי און קינדער, נאר זיי מוזען זיין גרויסע. אמרי נהרדעי דיקא נמי דקתני או שמסרן לבנו ובתו הקטנים חייב, הא לבנו ובתו הגדולים פטור, מכלל דלאחרים לא שנא גדולים ולא שנא קטנים חייב, דאם כן לתני קטנים סתמא, שמע מינה, די נהרדעי האבען געזאגט דו קענסט דיר אויך דרינגען אזוי, דען ער לערנט דאס בנו ובתו קטנים איז ער חייב, אבער בנו ובתו הגדולים איז ער פטור, איז דאך געדרונגען דאס אבער צו פרעמדע

איז קיין אונטערשייד ניט צי גדולים צי קטנים, אַניט וואָלט ער דאַרפען לערנען סתם קטנים, איז גוט געדרונגען אַז אויף אייגענע קינדער גרויסע האָט דער מפקיד צוטרויען. **אמר רבא הלכתא שומר שמסר לשומר חייב, לא מיבעיא שומר שכר שמסר לשומר חנם דגרוע גרעה לשמירתו אלא אפילו שומר חנם שמסר לשומר שכר חייב מאי טעמא ? דאמר ליה את מהימנת לי בשבועה, האיך לא מהימן לי בשבועה,** האָט רבא געזאָגט די הלכה איז אַז א שומר גיט איבער צו א שומר איז חייב, און עס איז קיין פראגע ניט אַז א שומר שכר גיט איבער צו א שומר חנם, וואו ער מינערט די שמירה, דאָס זיכער ער איז חייב, נאָר אַפילו א שומר חנם גיט איבער צו א שומר שכר איז ער אויך חייב, וואָס איז די סברה ? דען ער קען אים זאָגען, דו ביזט באגלויבט צו מיר מיט א שבועה, יענער איז צו מיר ניט באַ־גלויבט מיט א שבועה : **אתמר פשע בה ויצאת לאגם ומתה כדרכה אביי משמיה דרבה אמר חייב, רבא משמיה דרבה אמר פטור,** מיר האָבען געלערענט אַז איינער האָט פושע געווען, ניט פארשליסענדיג די בהמה געהעריג, און זי איז אַרויס אין פעלד אַריין וואו עס איז א געפאַר פון חיות, און זי איז פונדעסטוועגען בלויז מתה כדרכה, אביי אין נאָמען פון רבה זאָגט, ער איז חייב, רבא אין נאָמען פון רבה זאָגט ער איז פטור. **אביי משמיה דרבה אמר חייב, כל דיינא דלא דאין כי האי דינא לאו דיינא הוא,** אביי אין נאָמען פון רבה זאָגט חייב, ער האלט יעדער דיין וואָס משפט ניט אַזוי דעם דין, איז קיין דיין ניט, **לא מיבעיא למאן דאמר תחילתו בפשיעה וסופו באונס חייב, דחייב, אלא אפילו למאן דאמר פטור, הכא חייב, מאי טעמא ? דאמרינן הבלא דאגמא קטלה,** עס איז קיין פראגע ניט, נאָכ'ן מאן דאמר וועלכער האלט אַז אָנפאנגס מיט פשיעה און ענדע מיט אונס איז חייב, אַז זיכער איז חייב, נאָר אַפילו נאָכ'ן מאן דאמר ער איז פטור, דאָ אָבער איז ער חייב, ווייל מיר קענען זאָגען אַז פאַרט האָט געמוזט די געדיכטע לופט אין פעלד ווירקען וואָס האָט איהר גע'הרג'עט הייסט עס דאָך שוין אויך סופו בפשיעה, **רבא משמיה דרבה אמר פטור, כל דיינא דלא דאין כי האי דינא לאו דיינא הוא, לא מיבעיא למאן דאמר תחילתו בפשיעה וסופו באונס פטור, דפטור, אלא אפילו למאן דאמר חייב, הכא פטור, מאי טעמא ? דאמרינן מלאך המות מה לי הכא ומה לי התם,** רבא אין נאָמען פון רבה וואָס זאָגט פטור ער האלט יעדער אזא דיין וואָס משפט ניט אַזוי דעם דין, הייסט ניט קיין דיין. און עס איז קיין פראַגע ניט נאָכ'ן מאן דאמר וואָס האלט א תחילתו בפשיעה וסופו באונס איז פטור, דאָס זיכער ער איז פטור. נאָר אפילו נאָכ'ן מאן דאמר חייב, דאָ איז ער אָבער פטור, וואָס איז די סברה ? ווייל מיר זאָגען אַז דעם מלאך המות איז קיין אונטערשייד ניט דאָ צי דאָרט, מיינענדיג דאָס אויך דאָ וואָלט זי געווען געשטאָרבען, **ומודי אביי דאי הדרא לבי מרה ומתה דפטור, מאי טעמא ? דהא הדרה לה, וליכא למימר הבלא דאגמא קטלה,** און אביי איז מודה אַז אויב די בהמה איז צוריקגעקומען און נאכהער מתה, דאָס ער איז פטור, וואָס איז די סברה ? ווייל זי איז דאָך צוריקגעקומען און איך קען דאָך שוין ניט זאָגען וועגען הבלא דאגמא קטלה.

ומודי רבא כל היכא דאיגנבה גנב באגם ומתה כדרכה בי גנב, דחייב,
מאי טעמא ? דאי שבקה מלאך המות בביתיה דגנבא, הוה קיימא, און
רבא איז מודה וואו דער גנב האָט איהר גע׳גנב׳ט אין פעלד, און זי איז מתה
כדרכה ביים גנב, איז זיכער ער איז חייב, וואָס איז די סברה? דען מיר קענען
זאָגען אַז ווען דער מלאך המות אין הויז פון גנב וואָלט איהר לעבענלאָזען,
וואָלט זי ביים לעבען געבליבען. אמר ליה אביי לרבא לדידך דאמרת מלאך
המות מה לי הכא מה לי התם, האי דאותביה ר׳ אבא בר ממל לר׳ אמי
ושני ליה בשנתנו לו בעלים רשות להשאיל, האָט אביי געזאָגט צו רבא
נאָך דיין סברה נאָך פון מלאך המות מה לי הכא מה לי התם, דאָס וואָס ר׳
אבא מר ממל האָט געפרעגט צו ר׳ אמי געגען דער טענה פון אין רצוני
שיהא פקדוני ביד אחר, נאָר א שומר מעג יאָ איבערגעבען צו אַן אנדער שומר,
און מען האָט אים געענטפערט אַז עס שמועסט וואו די בעלים גיבען רשות צו
אַוועקלייהען, אניט זאָג איך אין שומר אחר שומר, ולימא ליה מלאך המות
מה לי הכא ומה לי התם, ער האָט דאָך אים געקענט ענטפערען פאַר׳ן מלאך
המות איז דאָך קיין אונטערשייד ניט צי דאָ צי דאָרט, זי קען דאָך דאָ אויך
ווערען מתה כדרכה איז דאָך שוין צום משכיר קיין אונטערשייד ניט?
אמר ליה לדידכו דמתניתו אין רצוני שיהא פקדוני ביד אחר, איכא
לאותבה לההיא, לדידי דאמינא אנת מהימנת לי בשבועה והאיך לא
מהימן לי בשבועה ליכא לאותבה כלל, האָט רבא געזאָגט צו אביי נאָך אייער
סברה נאָך וואָס איהר לערנט איין דעם טעם פון אין רצוני שיהא פקדוני ביד
אחר איז אָפצופרעגען די זאַך ווייל עס איז ניט קיין אונטערשייד פאַר׳ן מלאך־
המות צי דאָ צי ביד אחר, אָבער נאָך מיין סברה נאָך וואָס איך זאָג, דו ביזט
מיר באגלויבט ווען עס זאָל קומען צו א שבועה אָבער דער צווייטער איז ביי
מיר שוין ניט באגלויבט אויף א שבועה, וויל איך ניט דו זאָלסט אים איבער־
געבען, אויף דעם טעם קען׳מען שוין גאָרניט אָפפרעגען. מתיב רמי בר חמא
העלה לראשי צוקין ונפלה אין זה אונס וחייב, הא מתה כדרכה הרי זה
אונס ופטור, ואמאי? לימא ליה אוירא דהר קטלה, אי נמי אובצנא
דהר קטלה ? האָט רמי בר חמא א קשיא געפרעגט אַז ער האָט די בהמה
אַרויפגענומען אויף די שפיצען פון די שאַרפשפיציגע בערג, וואָס דאָס איז
אַן אָנפאַנג פשיעות און זי איז אַרונטערגעפאַלען, הייסט דאָס ניט קיין אונס און
ער איז חייב, אָבער אַז מתה כדרכה איז עס יאָ אַן אונס און ער איז פטור,
וואָרום ? ער קען דאָך צו אים טענה׳ן, עס קען דאָך זיין אַז די שטאַרקע לופט
אויבען האָט איהר גע׳הרג׳ט אָדער די איבעראַרבעט מיט׳ן אַרויפגעהן דעם
באַרג האָט איהר גע׳הרג׳ט ? ענטפערט די גמרא הכא במאי עסקינן שהעלה
למרעה שמן וטוב, אי הכי נפלה נמי ? שהיה לו לתוקפה ולא תקפה,
ווייסטו ביי וואָס מיר שמועסען ? וואו ער האָט איהר אַרויפגעבראַכט פאַר א
פעטע און גוטע פאַשע, דאָס מיינט שוין ניט קיין פשיעה ווייל אַלע טוען דאָס,
און באַלד פרעגט ער איבער אויב אַזוי, אַז זי איז אַרונטערגעפאַלען דאַרף דאָך
אויך זיין דער זעלבער דין צו פטור זיין ? ענטפערט די גמרא ער האָט איהר
געדאַרפט צוהאַלטען און ער האָט איהר ניט צוגעהאַלטען איז ער חייב. פרעגט

די גמרא אי הכי אימא רישא עלתה לראשי צוקין ונפלה הרי זה אונס איבעי ליה למיתקפה ? לא צריכא שתקפתו ועלתה תקפתו וירדה. אויב אזוי אויב ער האט איהר געדארפט צוהאלטען, זאג'זשע די רישא, אז די בהמה איז אליין ארויף אויפ'ן שפיץ בארג און זי איז ארונטערגעפאלען הייסט עס אן אונס און ער איז פטור, ער האט איהר דאך געדארפט צוהאלטען ? ענטפערט די גמרא עס איז ניט געדארפט צו לאזען הערען נאר אין א פאל וואו די בהמה האט אים איבערגעשטארקט און ארויף איהם איבערגעשטארקט און אראפ, איז זיין שולד ניט געווען: אמר ר' יוסי כיצד הלה עושה סחורה בפרתו של חבירו, אמר רב יהודה אמר שמואל הלכה כר' יוסי, אמר ליה רב שמואל בר יהודה לרב יהודה אמרת לן משמיה דשמואל חלוק היה ר' יוסי (דף ל"ז, ע"א) אף בראשונה, הלכה כמותו או אין הלכה כמותו ? ר' יוסי זאגט אין דער משנה ווי געשיקט זיך עס איינער זאל מאכען סחורה מיט יענעמס קוה, נאר די קוה געהט צוריק צו די בעלים, אויף דעם זאגט רב יהודה פון שמואל וועגען אז די הלכה איז ווי ר' יוסי, האט רב שמואל בר יהודה געזאגט צו רב יהודה דו האסט אונז דאך געזאגט אין נאמען פון שמואל, אז ר' יוסי קריגט אויך אויף דער משנה אין המפקיד, אז דער כפל געהער צום באלעבאס, ניט צום שומר כאטש ער האט פריהער באצאהלט.פרעג איך דיך צי איז מיט דעם אויך די הלכה ווי ר' יוסי ? אמר ליה חלוק היה ר' יוסי אף בראשונה והלכה כמותו אף בראשונה, האט ער צו אים געזאגט אז ר' יוסי קריגט טאקע אויך אין דער ערשטער משנה און די הלכה איז ווי ער אויך אין דער ערשטער משנה. איתמר נמי אמר ר' אלעזר חלוק היה ר' יוסי אף בראשונה, והלכה כמותו אף בראשונה, ור יוחנן אמר מודה היה ר' יוסי בראשונה שכבר שילם, מיר האבען אויך געלערנט דאס ר' אלעזר האט געזאגט אז ר' יוסי האט אויך געקריגט אין ערשטער משנה און די הלכה איז ווי ער, אויך אין דער ערשטער משנה. און ר'יוחנן זאגט אז ר' יוסי האט מודה געווען אין דער ערשטער משנה וואו דער שומר האט שוין פריהער באצאהלט, דאס ער האט קונה געווען דעם כפל. פרעגט די גמרא שילם אין, לא שילם לא, והא אמר ר' חייא בר אבא אמר ר' יוחנן לא שילם, שילם ממש, אלא כיון שאמר הריני משלם אף על פי שלא שילם ? ענטפערט די גמרא אימא מודה היה ר' יוסי בראשונה שכבר אמר הריני משלם, דו זאגסט אז שוין באצאהלט יא, אבער נאך ניט באצאהלט, ניט, ר' חייא בר אבא האט דאך געזאגט פון ר' יוחנן וועגען, אז שילם מיינט ניט טאקע, ממש באצהלט, נאר וויבאלד ער האט בלויז געזאגט איך וועל באצאהלען, כאטש ער האט נאך ניט באצאהלט ? איז דער ענטפער זאג דעם טעקסט אז ר' יוסי איז מודה אין דער ערשטער משנה וואו ער האט שוין געזאגט איך וועל באצאהלען: אמר לשנים גזלתי לאחד מכם מנה, ואיני יודע איזה מכם, או אביו של אחד מכם הפקיד לי מנה, ואיני יודע איזה הוא, נותן לזה מנה ולזה מנה שהודה מפי עצמו, אז איינער האט געזאגט צו צוויי מענשען איך האב צוגערויבט הונדערט דאלער פון איינעם פון אייך„ נאר איך ווייס ניט וועמען פון אייך, אדער דער פאטער פון איינעם פון אייך האט מיר געגעבען

צו באהאלטען הונדערט דאָלער, נאָר איך ווייס ניט וועלכער, זאָל ער געבען דעם הונדערט און דעם הונדערט, ווייל ער האָט דאָך אליין מודה געווען. **שנים שהפקידו אצל אחד, זה מנה וזה מאתים, זה אומר שלי מאתים, וזה אומר שלי מאתים, נותן לזה מנה ולזה מנה, והשאר יהא מונח עד שיבא אליהו, אמר ר' יוסי אם כן מה הפסיד הרמאי? אלא הכל יהא מונח עד שיבא אליהו**, צוויי האָבען געגעבען צו באהאלטען ביי איינעם, דער הונדערט און דער צוויי הונדערט, נאכהער ביים אָפּמאָהנען זאָגט דער די צוויי הונדערט זיינען מיין, און דער זאָגט די צוויי הונדערט זיינען מיין, איז דער דין מען גיט דעם הונדערט און דעם הונדערט, און די רעשט בלייבט ליגען ביז אליהו קומט, האָט ר' יוסי געזאָגט אויב אַזוי וואָס פארלירט דערמיט דער ליגנער? נאָר אלעס בלייבט ליגען ביז אליהו קומט. **וכן שני כלים אחד יפה מנה ואחד יפה אלף זוז, זה אומר יפה שלי וזה אומר יפה שלי, נותן את הקטן לאחד מהם ומתוך הגדול נותן דמי קטן לשני, והשאר יהא מונח עד שיבא אליהו**, און אַזוי איז דער דין ביי צוויי כלים וואו איינע איז ווערט הונדערט און איינע טויזענט, דער זאָגט די טייערע איז מיין און דער זאָגט די טייערע איז מיין, זאָל ער געבען די קליינע כלי צו איינעם פון זיי, און פון דער גרויסער כלי זאָל ער געבען געלט די ווערט פון דער קליינער כלי, און די רעשט זאָל בלייבען ליגען ביז אליהו קומט: (וואָס די חז"ל זאָגען ביי אזא געגענשטאנד ביז אליהו קומט, מיינען זיי בלויז עס זאָל בלייבען ליגען ביים בית דין ביז פּילייכט דער רמאי וועט תשובה טאָן, ווייל קיין אנדער עצה דערביי איז ניטאָ. זיי כאפּען אָן ביז אליהו קומט פאַר אַן ענין מוסר מען זאָל גלויבען, ווייל פאָרט קען דאָך די ישועה אָנקומען, דען אויף צו לאנג ווערען די זאכען סיזוי אָוועקגעקומען). **גמ', אלמא מספיקא מפקינן ממונא, ולא אמרינן אוקי ממונא בחזקת מריה ורמינהו שנים שהפקידו אצל אחד, זה מנה וזה מאתים זה אומר מאתים שלי וזה אומר שלי מאתים, נותן לזה מנה ולזה מנה והשאר יהא מונח עד שיבא אליהו?** פון דעם וואָס די משנה לערנט ביי גזל דאָס ער גיט דעם הונדערט און דעם הונדערט, זעהן מיר דאָך אַז ביי א ספק ציהען מיר יאָ אַרויס די געלד, און מיר זאָגען ניט, צו שטעלען די געלד אין דער חזקה פונ'ם באלעבאָס, ווען איך דיר אויף דעם א קשיא פרעגען, די משנה לערנט ווייטער אַז צוויי האָבען געגעבען צו באהאלטען געלד ביי איינעם, דער הונדערט און דער צוויי הונדערט, צום אויפמאהנען זאָגט דער, די צוויי הונדערט זיינען מיין, און דער זאָגט די צוויי הונדערט זיינען מיין, איז דער דין ער זאָל דעם געבען הונדערט און דעם הונדערט, און די רעשט זאָל בלייבען ליגען ביז אליהו קומט, זעהען מיר דאָך אַז מען שטעלט יאָ די געלד בחזקת מריה? **אמר ליה פקדון אגזל קא רמית, גזל דעבד איסורא קנסוה רבנן, פקדון דלא עבד איסורא לא קנסוהו רבנן**, האָט ער צו אים געזאָגט, פקדון אויף גזל פרעגסטו, גזל וואו ער האָט געטאָן אַן איסור, האָבען די רבנן גע'קנס'ט אָבער ביי פקדון האָט ער דאָך קיין איסור ניט געטאָן, האָבען די רבנן ניט גע'קנס'ט. **ורמי פקדון אפקדון ורמי גזל אגזל, פקדון אפקדון דקתני רישא או אביו של אחד מכם הפקיד אצלי**

**מנה ואיני יודע איזה הוא, נותן לזה מנה ולזה מנה, ורמינהו שנים שהפקידו וכו'**, און ער פרעגט איינאדער פון פקדון אויף פקדון, און פון גזל אויף גזל, פקדון אויף פקדון אין דער משנה, דען ער לערנט אין דער רישא וועגען אַ פקדון וואו ער ווייסט ניט וועמען צו געבען גיט ער דעם הונדערט און דעם הונדערט, און מיר זאָגען ניט צו שטעלען די געלד בחזקת מריה, וועל איך דיך פרעגען פונ'ם וויטערען פאַל וואו צוויי גיבען צו איינעם צו באהאלטען, דער הונדערט און דער צוויי הונדערט, לאָזט מען דאָך איבער דעם דריטען הונדערט ביז אליהו קומט, זעהען מיר דאָך אַז מען זאָגט יאָ אוקי ממונא בחזקת מריה? (דער בית דין איז דאָ דער שליח פון חזקת מריה). **אמר רבא רישא נעשה כמי שהפקידו לו בשני כריכות דהוה ליה למידק, סיפא נעשה כמי שהפקידו לו בכרך אחד דלא הוה ליה למידק, כגון דאפקידו תרווייהו בהדי הדדי בחד זימנא, דאמר להו אנת גופייכו לא קפידיתו אהדדי, אנא קפידנא.** האָט רבא געזאָגט די רישא ווערט באטראכט ווי גלייך עס וואָלטען געגעבען צו באהאלטען צו אים אין צוויי באזונדערע בינטלאך, וואו ער האָט געדארפט אויפפאסען, אָבער די סיפא איז באטראכט ווי גלייך זיי וואָלטען געגעבען צו באהאלטען אין איין בינטעל, וואו ער האָט ניט געדארפט אויפפאסען, עס שמועסט אין אַ וועג וואו ביידע האָבען געגעבען צו באהאלטען אין איינעם, וואו ער קען זאָגען צו זיי, איהר אַליין זיינט דאָך ניט מקפיד איינער אויפ'ן אנדערען, זאָל איך מקפיד זיין? **ורמי גזל אגזל, קתני הכא אמר לשנים גזלתי לאחד מכם מנה, ואיני יודע איזה מכם, או אביו של אחד מכם הפקיד לי מנה ואיני יודע איזה, נותן זה מנה ולזה מנה, ורמינהו גזל אחד מחמשה ואינו יודע איזה מהם גזל, זה אומר אותי גזל וזה אומר אותי גזל, מניח גזילה ביניהם ומסתלק דברי ר' טרפון**, און ער האָט געפרעגט פון גזל אויף גזל, ער לערנט דאָ אַז איינער האָט געזאָגט צו צוויי איך האָב גע'גזל'ט איינעם פון אייך הונדערט דאָלער, און איך ווייס ניט וועמען פון אייך, אָדער דער פאָטער פון איינעם פון אייך, האָט געגעבען מיר צו באַ־האלטען א מנה און איך ווייס ניט וועלכער, גיט ער צו דעם הונדערט און צו דעם הונדערט, וועל איך דיך א קשיא פרעגען מיר האָבען געלערנט אַז איינער האָט גע'גזל'ט איינעם פון פינף מענשען און ער ווייסט ניט וועלכען ער האָט גע'גזל'ט, דער זאָגט מיך האָט ער גע'גזל'ט און דער זאָגט מיך האָט ער גע'גזל'ט, איז דער דין ער לייגט אַוועק די גזילה צווישען זיי און ער געהט אוועק, דאָס זיינען די רייד פון ר' טרפון. **אלמא מספיקא לא מפקינן ממונא ואמרינן אוקים ממונא בחזקת מריה?** זעהען מיר דאָ פון דעם אַז ספק־געלד ציהען מיר ניט אַרויס נאָר מען שטעלט די געלד בחזקת מריה, איז דאָך א קשיא אויף אונזער משנה? און באלד פרעגט די גמרא איבער **וממאי דמתניתן דהכא ר' טרפון היא?** פונוואנעט ווייסטו אַז די משנה דאָ קומט אויס ווי ר' טרפון, עס זאָל זיין א קשיא צווישען איהם און דער משנה, פיללייכט קומט זי אויס ווי ר' עקיבא וואָס קריגט אויף איהם? ענטפערט די גמרא **דקתני עלה דההיא מודה ר' טרפון באמר לשנים גזלתי לאחד מכם מנה ואיני יודע איזה מכם, שנותן לזה מנה ולזה מנה**, ער לערנט דאָך אויף

דער זאך אז ר' טרפון איז מודה וואו ער זאגט עס צו צוויי ווי ביי דער היגער משנה, היינט איז דאך שווער פון ר' טרפון צו אונזער משנה, וואס איז דער אונטערשייד צווישען צוויי צו פינף מענשען. ענטפערט די גמרא התם דקא תבעו, הכא בבא לצאת ידי שמים, דיקא נמי דקתני שהודה מפי עצמו שמע מינה, דארט ביי די פינף שמועסט וואו זיי מאהנען, און מיט'ן דין קען מען טאקע אים ניט צווינגען צו געבען, אבער דא שמועסט וואו ער קומט צו יוצא זיין אויך קעגען הימעל, איז אזא פאל איז קיין עצה ניט דא נאר צו געבען יעדען די הונדערט, דו קענסט עס אויך דרינגען, דען ער זאגט אין דער משנה דעם טעם ווייל ער איז מודה איז דאך גוט געדרונגען אז עס איז צוליב תשובה. אמר מר התם דקא תבעי ליה, והלה מה טוען? רב יהודה אמר רב הלה שותק, רב מתנה אמר רב הלה (דף ל"ז, ע"ב) צווח, מאן דאמר הלה צווח אבל שתיקה כהודאה, ומאן דאמר הלה שותק, שתיקה דהכא לאו כהודאה הוא. ער ענטפערט ערשט אויבען, אז דארט שמועסט וואו זיי מאנען אים, און דער וואס טענה'ט? רב יהודה האט געזאגט פון רב וועגען אז דער שווייגט, רב מתנה האט געזאגט פון רב וועגען אז דער שרייט, דער וואס זאגט אז דער שרייט, ווייל שווייגען איז גלייך ווי מודה, און דער וואס זאגט אז דער שווייגט, דער האלט אז דאס שווייגען דא איז ניט ווי הודאה, מצי אמר ליה האי דשתיקי לכל חד וחד דאמינא דילמא האי הוא צו מעהרער מענשען אז מען שווייגט הייסט ניט ווי הודאה, ווייל ער קען צו אים זאגען דאס וואס איך שווייג צו יעדען ווייל איך טראכט ביי יעדען טאמער איז ער דאס. אמר מר מניח גזילה ביניהם ומסתלק, פרעגט די גמרא ושקלי לה כולהו ואזלי, והאמר ר' אבא בר זבדא אמר רב כל ספק הינוח, בתחילה לא יטול ואם נטל לא יחזיר? אויבען זאגט ער אז ער לעגט אוועק די גזילה צווישען זיי און געהט אוועק, איז דאך שווער זאלען אלע קענען נעמען און אוועקגעהן דערמיט, ר' אבא בר זבדא האט דאך געזאגט פון רב וועגען, אז יעדער ספק דאס טאמער האט יענער אוועקגעלייקט, זאל דער וואס טרעפט אן די זאך, ניט נעמען, ווייל טאמער וועט יענער קומען נעמען, און אויב ער האט גענומען זאל ער ניט צוריקגעבען, היינט ווי קען דא מיינען דער מניח? אמר רב ספרא ויניח האט רב ספרא געזאגט אז דער טעקסט דארף זיין ויניח וואס מיינט אז דער שולדער וועמען זיי נעמען צום בית דין, זאל אוועקלייגען די געלד ביז אליהו קומט. אמר ליה אביי לרבא מי אמר ר' עקיבא? לא זו הדרך מוציאתו מידי עבירה, עד שישלם גזילה לכל חד וחד, אלמא מספיקא מפקינן ממונא ולא אמרינן אוקים ממונא בחזקת מריה, ורמינהו נפל הבית עליו ועל אמו, יורשי הבן אומרים, האם מתה ראשונה, ויורשי האם אומרים הבן מת ראשון, אלו ואלו מודים שיחלוקו. האט אביי געזאגט צו רבא האט דען ר' עקיבא אזוי געזאגט? ר' עקיבא האט געזאגט דאס איז ניט דער וועג צו ארויסציהען זיך פון אן עבירה, סיידען ער באצאהלט צו יעדען פון די פינף, זעהען מיר דאך פון דעם, אז פון ספק ציהען מיר אויך ארויס געלד, און מיר זאגען נישט שטעל די געלד בחזקת מריה ,וועל איך דיך אויף דעם א קשיא פרעגען מיר האבען געלערנט אז די הויז איז איינגעפאלען

אויף איהם. און אויף זיין מוטער, וועלכע האָט געהאט א פארמעגען פון איהר פאָטער, די יורשים פון זוהן זאָגען אַז די מוטער איז די ערשטע געשטאָרבען און נאכהער דער זוהן, איז די ירושה איבערגעגאַנגען צום זוהן און פון אים צו אונז אלס זיינע זיהן, און די יורשים פון דער מוטער זאָגען אַז דער זוהן איז געשטאָרבען דער ערשטער, געהער די ירושה צו אונז. די בית שמאי און בית הלל וועלכע קריגען ביי אזא געגענשטאַנד זיינען דאָ מודה, אַז דיביידערליי יורשים טיילען זיך מיט דער ירושה, **ואמר ר׳ עקיבא מודה אני בזו שהנכסים בחזקתן**, און ר׳ עקיבא האָט אויף דעם געזאָגט אַז איך בין מודה ביי דער זאך אַז די נכסים בלייבען אין זייער חזקה, זעהסט דאָך גוט אַז ספק־געלד שטעל איך יאָ בחזקת מריה, היינט ווי קען זיין אַז ר׳ עקיבא זאָל זאָגען עד שישלם גזילה לכל אחד? **אמר ליה התם שמא ושמא, גזל אחד מחמשה ברי ושמא**, האָט רבא געזאָגט צו אביי דאָרט ביים איינגעפאלענעם הויז איז שמא ושמא טאָמער אַזוי, טאָמער אַזוי, טיילען זיי זיך, אָבער ביי גזל אחד מחמשה איז א ברי ושמא, עס איז זיכער לויט זייער טענה ער האָט גע׳גזל׳ט און א שמא וועמען ער האָט גע׳גזל׳ט איז רעכט צו שטעלען די ממונא אין חזקת מריה, פרעגט די גמרא **והא מתניתין דהכא אמר לשנים גזלתי לאחד מכם מנה דשמא ושמא היא וקתני נותן לזה מנה ולזה מנה**, די משנה דאָ וואו ער זאָגט צו צוויי איינעם פון אייך האָב איך גע׳גזל׳ט, איז דאָך א שמא ושמא, און פונדעסטוועגען גיט ער יעדען הונדערט דאָלער)? פרעגט די גמרא איבער **וממאי דר׳ עקיבא היא? דקתני עלה דההיא מודה ר׳ טרפון באומר לשנים גזלתי לאחד מכם מנה ואינו יודע איזה מכם, למאן מודה? לר׳ עקיבא בר פלוגתיה**, פונוואנעט ווייסטו אַז די משנה קומט אויס ווי ר׳ עקיבא, וואָס דו פרעגסט אַזוי צווישען די משנה און ר׳ עקיבא? ענטפערט די גמרא ער לערנט דאָך אויף דעם פאל פון גזל מחמשה אַז ר׳ טרפון איז מודה ביי גזל משנים, צו וועמען איז ער מודה? צו ר׳ עקיבא זיין קריגער, פרעגט די גמרא **וממאי דשמא ושמא הוא? חדא דלא קתני תובעין אותו ועוד הא תני ר׳ חייא זה אומר איני יודע וזה אומר איני יודע**. פונוואנעט ווייסטו אַז אונזער משנה שמועסט ביי שמא ושמא וואָס דו פרעגסט אַזוי אויף ר׳ עקיבא? ענטפערט די גמרא איינס די משנה לערנט דאָך ניט תובעין אותו אז די צוויי מאָהנען אלס א ברי, און נאָך איינס ר׳ חייא האָט דאָך געלערנט אין זיין תוספתא — אלס פירוש אויף דער משנה — דעם טעקסט זה אומר איני יודע וזה אומר איני יודע, אז ביידע טענה׳ן א שמא אַז איך ווייס ניט, דאָס ציינגט דאָך אַז אונזער משנה שמועסט פון שמא ושמא, איז דאָך שמא ושמא א קשיא אויף ר׳ עקיבא וואו ער האלט יחלוקו, און אין אונזער משנה איז נותן לזה מנה ולזה מנה? ענטפערט די גמרא **הא אוקימנא לה בבא לצאת ידי שמים**, מיר האָבען דאָך אויבען איינגעזעצט די משנה אַז זי שמועסט וואו ער קומט יוצא זיין פאַר׳ן הימעל מוז ער טאקע יעדען געבען א מנה. **אמר ליה רבינא לרב אשי ומי אמר רבא כל בשתי כריכות הוה ליה למידק, והא אמר רבא ואי תימא רב פפא הכל מודים בשנים שהפקידו אצל רועה שמניח רועה ביניהם ומסתלק?** האָט רבינא געזאָגט צו רב אשי האָט דען

רבא געזאָגט אַז ביי צוויי בינטלאך געלד, האָט ער געדאַרפט אויפפאַסען, (אויבען
ביי אַן ענטפער מאכט ער דעם אונטערשייד) רבא האָט דאָך געזאָגט, און טייל
זאָגען עס איין נאָמען פון רב פפא אַז ער האָט עס געזאָגט פון רבא'ס וועגען
אַז אַלע זיינען מודה מיינענדיג ר' טרפון און ר' עקיבא, ביי צוויי וועלכע
האָבען געגעבען צו באהאלטען ביי א פאסטוך, איינער איין שעפס און איינער
צוויי שעפסען, וואו יעדער מאָהנט די צוויי, אַז דער רועה לעגט אוועק דעם
שעפס צווישען זיי און געהט אוועק, ער האָט דאָך געדאַרפט אויפפאַסען און אויב
ער האָט ניט אויפגעפאַסט וואָלט ער געדאַרפט צאָהלען צוביידע צוויי שעפסען?
ענטפערט די גמרא **התם כשהפקידו בעדרו של רועה שלא מדעתו**, דאָרט
שמועסט וואו זיי האָבען באהאלטען אין דער סטאַדע פונ'ם פאסטוך אָהן זיין
וויסען: **וכן שני כלים אחד יפה מנה ואחד יפה אלף זוז כו': וצריכא
דאי אשמעינן הך קמייתא, ההיא קאמרי רבנן משום דליכא פסידא,
אבל בהא דאיכא פסידא דגדול אימא מודי ליה לר' יוסי**, און די משנה
איז געדאַרפט צו לאָזען הערען אי ביי געלד אי ביי כלים אַז די דריטע הונדערט
און דער עודף פון דער כלי בלייבען ביז אליהו קומט, דען ווען די משנה וואָלט
לאָזען הערען בלויז ביי געלד, וואָלט איך זאָגען, נאָר ביי געלד האָבען די רבנן
אַזוי געזאָגט צוליב עס איז ניט פאַראַן דערביי קיין שאָדען, אָבער ביי כלים
וואו עס איז פאַראַן שאָדען ביי דער גרויסער כלי צו מאכען איהר צו געלד,
וואו מען מוז איהר פאַרקויפען פאַר ביליגער, דען צוליב דעם צוועק משל'ט
ער דעם אונטערשייד ביי כלים צווישען הונדערט און טויזענט, ביי דעם פאַל
וואָלט איך מיינען אַז די רבנן זיינען מודה צו ר' יוסי דאָס ביידע כלים בלייבען
ביז אליהו קומט. **ואי אתמר בהא, בהא קאמר ר' יוסי, אבל בהך אימא
מודה להו לרבנן, צריכא**, און ווען ער וואָלט בלויז לערנען ביי כלים, וואָלט
איך זאָגען, דאָס נאָר ביי כלים זאָגט אַזוי ר' יוסי דאָס ביידע בלייבען ביז
אליהו קומט, אָבער ביי געלד וואָלט איך מיינען ר' יוסי איז מודה צו די רבנן
דאָס נאָר די דריטע מנה בלייבט, איז דעריבער געדאַרפט צו לאָזען הערען
ביידע. (**דף ל"ח, ע"א**) פרעגט די גמרא **והא טעמא דר' יוסי משום
הפסד הרמאי הוא? אלא תרוייהו לרבנן איצטריך ולא זו אף זו קתני**,
די סברה פון ר' יוסי איז דאָך צוליב הפסד הרמאי, איז דאָך קיין אונטערשייד
ניט פון געלד צו כלים? נאָר זאָגט די גמרא ביידע זיינען געדאַרפט נאָך די
רבנן נאָך, און ער לערענט עס איין אַ וועג דאָס ניט אַזוי געלד וואו עס איז ניט
פאַראַן דערביי קיין שאָדען געבענדיג דעם הונדרעט און דעם הונדערט, נאָר
אפילו ביי כלים וואו עס איז פאַראַן שאָדען ביי דער גרויסער כלי, זאָגען זיי
אויך אַז די רעשט פון דער גרויסער בלייבט ביז אליהו קומט, אָבער פאַרקערט
ווען ער לערנט, פריהער כלים און נאכהער געלד, וואָלט עס שוין הייסען, זו
ואין צריך לומר זו, אַז מען שרייבט שוין דעם פאַל פון כלים איז שוין ניט
געדאַרפט דער פאַל פון געלד: **מתני', המפקיד פירות אצל חבירו אפילו
הן אבודין לא יגע בהן. ר' שמעון בן גמליאל אומר מוכרן בפני בית דין
מפני שהוא כמשיב אבידה לבעלים**, אַז איינער האָט געגעבען צו באהאלטען
פירות צו זיין חבר, איז דער דין אַז אפילו די פירות האלטען ביי פאַרלוירען

געהן צי צוליב עכברים צי צוליב פוילונג, זאָל ער זיי ניט רירען צו נעמען פאַרקויפען. רבן שמעון בן גמליאל זאָגט ער פאַרקויפט זיי פאַר'ן בית דין, ווייל דאָס הייסט ווי צוריקצוגעבען אַן אבידה: גמ', פרעגט די גמרא מאי טעמא? אמר רב כהנא אדם רוצה בקב שלו מתשעה קבים של חבירו, וואָס איז די סברה? האָט רב כהנא געזאָגט א מענש וויל גיכער איין מעסטעל זיין אייגענע פירות וואָס ער האָט אַליין פראָדוצירט אידער ניין מעסטלאַך יענעמס, איז אפילו ווען זיינע פירות פאַרלירען טיילוויינ איז ער אויך פונ־דעסטוועגען צופרידענער צו האָבען זיי, ורב נחמן בר יצחק אמר חיישינן שמא עשאן המפקיד תרומה ומעשר על מקום אחר, און רב נחמן בר יצחק זאָגט דעם טעם אַז מיר באַזאָרגען דאָס טאָמער האָט דער וואָס האָט זיי געגעבען צו באהאלטען, באשטימט זיי אַלס תרומה און מעשר אויף אַן אנדער פלאַץ ביי זיינע תבואות, איז דאָך אַ געפאַר פרעמדע זאָלען עסען תרומה אָדער מעשר. מיתיבי המפקיד פירות אצל חבירו הרי זה לא יגע בהן, לפיכך בעל הבית עושה אותן תרומה ומעשר על מקום אחר, בשלמא לרב כהנא היינו דקתני לפיכך, אלא לרב נחמן בר יצחק מאי לפיכך? הכי קאמר השתא דאמור רבנן לא נזבין דחיישינן, לפיכך בעל הבית עושה אותן תרומה ומעשר על מקום אחר... אנדערש נאָך רב כהנא נאָך, איז רעכט וואָס ער לערנט לפיכך, דאָס אַזוי ווי ער טאָר ניט פאַרקויפען די פירות צוליב דעם טעם פון רב כהנא, איז דעריבער געמעגט צו באשטימען זיי אַלס תרומה ומעשר אויף אַנדערע פירות, אָבער נאָך רב נחמן בר יצחק נאָך וואָס זאָגט טאַקע דעם טעם צוליב מעשר, ווי פאַסט אהער דער לפיכך? ענטפערט די גמרא אַזוי מיינט ער צו זאָגען אַזוי ווי די רבנן האָבען שוין געזאָגט מען זאָל זיי ניט פאַרקויפען צוליב מיר באַזאָרגען וועגען תרומה און מעשר, איז דעריבער מעג שוין דער באַלעבאָס מאכען זיי אַלס תרומה און מעשר אויף אַנדערע זיינע תבואות. אמר רבה בר בר חנה אמר ר' יוחנן מחלוקת בכדי חסרונן אבל יותר מכדי חסרונן דברי הכל מכרן בבית דין, האָט רבה בר בר חנה געזאָגט פון ר' יוחנן וועגען אַז די מחלוקת אין דער משנה איז וואו די פירות האלטען ביי קאלע ווערען אין געוויינליכען פראָצענט, אָבער מעהר פון געוויינליכען פראָצענט האלטען אַלע אַז ער פאַרקויפט זיי ביים בית דין, אדרב נחמן בר יצחק ודאי פליגא, אדרב כהנא מי לימא פליגא? כי קאָמר רב כהנא, בכדי חסרונן קאמר, אויף רב נחמן בר יצחק איז זיכער אַז ער קריגט, נאָר אויף רב כהנא צי מוזען מיר זאָגען אַז ער קריגט? ווענדט די גמרא אָפּ, ווייל מיר קענען זאָגען, ווען זאָגט רב כהנא דעם טעם, אויף ניט צו פאַרקויפען? נאָר ווען די פירות פאַרלירען לויט'ן פראָצענט. פרעגט די גמרא והא רוצה בקב שלו מתשעה קבין של חבירו קאמר? גוזמא בעלמא, רב כהנא זאָגט דאָך דעם טעם אַז יעדער וויל גיכער איין קב זיינס אידער ניין יענעמס, דאָס מיינט דאָך ניט לויט פראָצענט? ענטפערט די גמרא דאָס איז בלויז אזא גוזמא. מיתיבי לפיכך בעל הבית עושה אותן תרומה ומעשר על מקום אחר, וליחוש דילמא הוו להו יותר מכדי חסרונן וזבנינהו וקא אכיל טבלים? איך וועל דיך א קשיא פרעגען, די ברייתא זאָגט

אַז דעריבער מעג דער באלעבאָס מאכען זיי אַלס תרומה און מעשר אויף אנדערע תבואות, עס איז דאָך צו באַזאָרגען דאָס טאָמער האָבען די פירות פאַרלוירען מעהר פונ'ם פראָצענט האָט דאָך דער באלעבאָס געגעסען טבלים? ענטפערט די גמרא יותר מכדי חסרונן לא שכיח, ואי משתכחי מאי? מזבנין להו, וליחוש שמא עשאן בעל הבית תרומה ומעשר על מקום אחר? כי מזבנינן נמי, לכהנים בדמי תרומה מזבנינן להו, מעהר פון כדי חסרונן זיי זאָלען פאַרלירען איז ניט שכיח, קען זיך שוין דער באַלעבאָס פאַר־לאָזען און עסען זיינע תבואות אין דער היים, און באלד פרעגט די גמרא איבער און אויב עס טרעפט אויף מעהר פון כדי חסרון ווי איז דער דין? פאַרקויפען מיר דאָך זיי, עס איז דאָך צו באַזאָרגען דאָס טאָמער האָט ער זיי געמאכט אַלס תרומה און מעשר אויף אַן אנדער פלאַץ? ענטפערט די גמרא ווען מיר פאַרקויפענזיי אויך, צו כהנים פאַר ביליג אַלס תרומה פאַרקויפען מיר זיי, פרעגט די גמרא ולרב נחמן בר יצחק נמי נזבנינהו לכהנים בדמי תרומה? און נאָך רב נחמן בר יצחק נאָך אויך, אויב עס איז ניט שכיח מעהר פארלוסט פון כדי חסרון, קען מען דאָך זיי פאַרקויפען צו די כהנים אַלס תרומה, וואָס דען זאָגסטו אויבען אַז רבה בר בר חנה אמר ר' יוחנן קריגט זיכער אויף רב נחמן בר יצחק? ענטפערט די גמרא בהא פליגי, דרבה בר בר חנה סבר יותר מכדי חסרונן לא שכיח מידי, וכי משתכח לקמיה הוא דהויא יתר מכדי חסרונן, אי עביד להו בעל הבית תרומה ומעשר על מקום אחר, מקמיה דהוו להו יותר מכדי חסרונן עביד להו, אין דער סברה קריגען זיי דאָס, רבה בר בר חנה האלט אַז מעהר פון כדי חסרון עס זאָל פעהלען, איז אינגאנצען ניט שכיח, און אויב עס זאָל זיך יאָ אמאָהל טרעפען, קען עס זיך טרעפען שפעטער, עס זאָל אריינציהען ביז מעהר פון כדי חסרון, און אויב דער באלעבאָס האָט זיי באשטימט אַלס תרומה און מעשר אויף זיינע אַנדערע פירות פון אנדערע פלעצער, האָט ער דאָס געטאָן נאָך איידער עס האָט דערגרייכט צו יותר פון כדי חסרון, דאמאָלט נאָך האָט ער זיי בא־שטימט, הלכך כי הוו להו יותר מכדי חסרונן נזבנינהו לכהנים בדמי תרומה, דעריבער אַז עס איז נאכהער געוואָרען יותר מכדי חסרונן, דאַרף ער זיי פאַרקויפען צו די כהנים אַלס דמי תרומה. ורב נחמן בר יצחק סבר יתר מכדי חסרונן משכח שכיח, וכי הוו להו, לאלתר הוא דהוו להו, ואי אמרת נזבנינהו, זימנין דקדים ומזבן להו, וכי עביד להו בעל הבית תרומה ומעשר על מקום אחר לא ידע דזבנא וקא אכיל טבלים, און רב נחמן בר יצחק האלט די סברה, אַז פירות זאָלען קאלע ווערען מעהר פון שטייגער איז יאָ שכיח, און אַז עס איז געוואָרען דער שאָדען מעהר פון כדי חסרון, איז עס באלד אַזוי געשעהן, און אַז דו זאָלסט זאָגען מען זאָל זיי פאַר־קויפען צו די כהנים אַלס דמי תרומה, קען דאָך אמאָהל טרעפען ער זאָל פריהער פאַרקויפען צוליב דעם, און אַז דער באלעבאָס זאָל נאכהער זיי בא־שטימען אַלס תרומה ומעשר אויף אַנדערע זיינע פירות וואָס ער האָט ערגעץ אנדערש, וועט ער דאָך ניט האָבען געוואוסט אַז ער האָט זיי פאַרקויפט וועט ער נאָך עסען טבל. מיתיבי המפקיד פירות אצל חבירו והרקיבו, יין

והחמיץ, שמן והבאיש, דבש והדביש, הרי זה לא יגע בהן דברי ר' מאיר, איך וועל דיך א קשיא פרעגן מיר האָבען געלערנט אַז איינער האָט געגעבען צו באהאלטען פירות צו זיין חבר, און זיי זיינען צוגעפוילט געוואָרען אָדער וויין און ער איז זויער געוואָרען אָדער שמן און ער איז פארשטונקען געוואָרען, אָדער האָניג און ער איז אויסגעוועפּט געוואָרען פון טעם האָניג, זאָל ער זיי ניט אָנרירען צו נעמען פאַרקויפען, אַזוי האלט ר' מאיר, וחכמים אומרים עושה להם תקנה ומוכרין בבית דין, וכשהוא מוכרן מוכרן לאחרים ואינו מוכרן לעצמו, און די חכמים זאָגען ער מאכט צו זיי א תקנה, (די גמרא וועט עס באשיידען) און מען פאַרקויפט זיי ביים בית דין, און אַז ער פאַרקויפט זיי פאַרקויפט ער זיי צו פרעמדע און ער פאַרקויפט זיי ניט צו זיך, כיוצא בו גבאי צדקה בזמן שאין להם עניים לחלק פורטין לאחרים ואין פורטין לעצמן, גבאי תמחויי בזמן שאין להם עניים לחלק מוכרין לאחרים ואין מוכרין לעצמן, אזא שטייגער איז אויך ביי די גבאי צדקה ווערענט זיי האָבען ניט קיין אָרימע־לייט, צו טיילען פאַר זיי, טיילען זיי פאַר פרעמדע אָבער ניט פאַר זיך, און אַזוי זיינען די גבאים פון שפייז, ווערענט זיי האָבען ניט קיין אָרימע־לייט אויף צו טיילען, פאַרקויפען זיי די שפייזען צו אנדערע און ניט צו זיך, מען זאָל אים ניט חושד זיין. קתני מיהת פירות והרקיבו, מאי לאו אפילו יתר מכדי חסרונן? אלענפאלס לערנט ער דאָך אַז פירות והרקיבו זאָל ער ניט אָנרירען צום פאַרקויפען, מיינסטו דען ניט, אפילו וואו זיי ווערען קאלע מעהר פון כדי חסרון, וואָס דען זאָגט רבה בר בר חנה אויבען אַז ביי מעהר פון כדי חסרון, האלטען אלע מען פאַרקויפט זיי? ווענדט די גמרא אָפּ, לא, בכדי חסרונן, והא יין והחמיץ שמן והבאיש דבש והדביש דיתר מכדי חסרונן נינהו? הני כיון דקם קם, ניין, עס מיינט לויט'ן שטייגער חסרון און באלד פרעגט די גמרא איבער מיר זעהען דאָך ביי יין והחמיץ שמן והבאיש דבש והדביש אַז זיי זיינען מעהר פון כדי חסרון? ענטפערט די גמרא די זיינען אַנדערש, זיי אַז זיי בלייבען שטעהן, שטעהען זיי, און ווערען ווייטער ניט מעהר קאלע. פרעגט די גמרא שמן והבאיש דבש והדביש (דף ל"ח, ע"ב) למאי חזו? שמן חזי לגלדאי דבש לכתישא לגמלא, די קאלידיגע שמן און דבש, צו וואָס זיינען זיי דען ראוי? ענטפערט די גמרא דער שמן איז ראוי צו שמירען זיי די פעלען און דער דבש איז ראוי צו אַרויפלייגען אויפ'ן אָנגע־קוועטשטען רוקען ביים קעמעל וואו דער קאסטען מיט דער משא ליגט. וחכמים אומרים עושה להם תקנה ומוכרן בבית דין, מאי תקנתא עביד להו? אמר רב אשי לקנקנים, די חכמים זאָגען מען מאכט פאַר זיי א תקנה און מען פאַרקויפט זיי, וואָס פאַר א תקנה טוט ער דאָס? האָט רב אשי געזאָגט אז די תקנה איז פאַר די קרוגלאך דען מיט די האָניג אין די קרוגעלאך ווערען זיי קאלע, במאי קא מיפלגי? דמר סבר להפסד מרובה חששו להפסד מועט לא חששו, ומר סבר אפילו להפסד מועט נמי חששו, אין וואָס א סברה קריגען זיי אויב יותר מכדי חסרון האלטען אלע מען פאַרקויפט? איינער האלט אַז צו אַ גרויסען שאָדען האָבען די חכמים באזאָרגט, צו א' קליינעם שאָדען ניט און די חכמים האלטען אַז אויך צו א קליינעם שאָדען באזאָרגען די

רבנן צוליב'ן קנקן אַז אפילו כדי חסרונן דאַרף מען אויך פאַרקויפען: **רבן שמעון בן גמליאל אומר ימכרם בבית דין מפני שהוא כמשיב אבידה לבעלים: אתמר ר' אבא בר' יעקב אמר ר' יוחנן הלכה כר' שמעון בן גמליאל, ורבא אמר רב נחמן הלכה כדברי חכמים,** מיר האָבען געלערנט ר' אבא בר' יעקב האָט געזאָגט פון ר' יוחנן וועגען אַז די הלכה איז ווי ר' שמעון בן גמליאל אַז אפילו כדי חסרון זאָל ער אויך פאַרקויפען ביים בית דין, צוליב עס איז ווי השבת אבידה. און רבא האָט געזאָגט פון רב נחמן וועגען אַז די הלכה איז ווי די חכמים. פרעגט די גמרא **והא אמרה ר' יוחנן חדא זימנא, דאמר ר' יוחנן כל מקום ששנה רבן שמעון בן גמליאל במשנתינו הלכה כמותו חוץ מערב וצידן וראייה אחרונה?** ר' יוחנן האָט דאָך שוין דאָס איינמאָהל געזאָגט, דען ער האָט דאָך געזאָגט יעדע משנה וואָס לערנט אויף אַן הלכה די דעה פון רבן שמעון בן גמליאל, איז די הלכה ווי ער, חוץ פונ'ם האַפטער אין בבא בתרא דף קע"ג וואו ער זאָגט דאָס ער קען פונ'ם האַפטער ניט גובה זיין פריהער, אפילו וואו ער האָט זיך פריהער אויסגערעדט, דאָס פון וועמען נאָר ער וועט וועלען זאָל ער קענען גובה זיין, אויך חוץ דער הלכה ביי צידן אין גיטין דף ע"ד וואו דער באַדינג אין גט איז זי זאָל אים צורקגעבען זיין מאַנטעל און דער מאַנטעל איז אַוועקגענומען, לויט רשב"ג קען זי דעקען מיט געלד, און ראיה אין סנהדרין דף ל"א וואו ער זאָגט אַז אימער ווען איינער ברענגט אַ ראייה צו סותר זיין דעם משפט איז דער משפט צערודערט, ביי דער לעצטער וואָס ר' שמעון בן גמליאל ברענגט צו קענען סותר זיין דעם משפט איז ניט די הלכה ווי ער. האָט דאָך שוין ר' יוחנן בדרך כלל דאָס געזאָגט וואָס דאַרף ער דאָס יעצט אַרויסזאָגען אין פרטיות? ענטפערט די גמרא **אמוראי נינהו ואליבא דר' יוחנן** עס זיינען געוועזען אמוראים, וואו איינער האָט די זאַך געזאָגט אין נאָמען פון יוחנן אַלס אין כלל, און איינער האָט עס געזאָגט אין פרט ביי דער היגער הלכה אַז די הלכה איז ווי ר שמעון בן גמליאל. זאָגט די גמרא **מדרבן שמעון בן גמליאל נשמע דמורידין קרוב לנכסי שבוי, מדרבנן נשמע דאין מורידין קרוב לנכסי שבוי,** פון ר' שמעון בן גמליאל'ס רייד וואָס זאָגט דאָ דאָס אַלענפאַלס — ווען זיין חבר'ס פירות האַלטען ביי קאַלע ווערען, מעג ער זיי פאַרקויפען, וויל עס איז ווי השבת אבידה, איז געדרונגען דאָס מען לאָזט צו דעם קרוב צום געפאַנגענעמס פעלדער צו פאַרוואַלטען זיי, **אום די פעלדער זאָלען ניט געהן צו ניוועץ.** און פון די רבנן וואָס זאָגען — אַז ער טאָר זיי ניט רירען צו פאַרקויפען — איז געדרונגען דער הפוך אַז מען לאָזט ניט צו דעם קרוב צום געפאַנגענעמס פעלדער. פרעגט די גמרא **וממאי דלמא עד כאן לא קאמר רבן שמעון בן גמליאל הכא, אלא משום דקא כליא קרנא, אבל התם הכי נמי דאין מורידין, ועד כאן לא קאמרי רבנן הכא, אלא אי כרב כהנא אי כרב נחמן בר יצחק, אבל התם הכי נמי דמורידין?** און פונוואַנען ווייסטו אַזוי צו דרינגען, פיליכט איז עס, דאָס ווען זאָגט ר' שמעון בן גמליאל אַזוי דאָ? נאָר צוליב וויל דער גאַנצער קרן האַלט אין געהן צו גרונט, אָבער דאָרט ביים שבוי קען טאַקע זיין אַז ער האַלט אויך, דאָס מען לאָזט ניט צו זיין קרוב, וויל ער קען נאָך רואינירען די פעלדער,

און ווען זאָגען די רבנן אַזוי דאָ דאָס ער טאָר זיי ניט פאַרקויפען נאָר איין א פאל וואו דער טעם פאלט צו, צי ווי רב כהנא דאָס איין מעסטעל איז ביי אים מעהר געליבט ווי יענעמס ביין, צי דער טעם ווי רב נחמן בר יצחק צוליב תרומה און מעשר, ווי אויבען שוין באשייד, אָבער דאָרט ביים שבוי קען טאקע זיין דאָס אויך די רבנן האלטען אַז מען לאָזט יאָ צו דעם קרוב, און באלד פרעגט די גמרא איבער למימרא דתרי טעמי נינהו, והאמר רב יהודה אמר שמואל הלכה כרבן שמעון בן גמליאל, ואמר שמואל מורידין קרוב לנכסי שבוי, לאו משום דחד טעמא הוא? לויט דעם ווי ער ווענדט אָפּ אויבען און ווייזט אָן די אנדערשקייט פון דאָ ביז שבוי, סיי נאָך ר' שמעון בן גמליאל סיי נאָך די רבנן, קומט דאָך אויס צו זאָגען אַז ביי דיביידע זאכען זיינען פאַראַן צוויי פארשידענע טעמים, און רב יהודה האָט דאָך געזאָגט פון שמואל וועגען אַז די הלכה איז ווי ר' שמעון בן גמליאל, און רב שמואל האָט אויך דערזאָגט אז מורידין לנכסי שבוי, מיינט עס דען ניט אַז צוליב ביידע האָבען איין טעם איז דאָך א קשיא אויפ'ן אָפּווענדט פון דער גמרא? ווענדט די גמרא אָפּ, לא, תרי טעמי נינהו, הכי נמי מסתברא, דאמר רבא אמר רב נחמן הלכה כדברי חכמים, ואמר רב נחמן מורידין קרוב לנכסי שבוי, אלא שמע מינה תרי טעמי נינהו, שמע מינה, ניין, צוויי טעמים זיינען זיי, די סברה גיט אויך אַזוי מיט, דען רבא האָט געזאָגט פון רב נחמן וועגען אַז די הלכה איז ווי די חכמים דאָס מען טאָר ניט פאַרקויפען יענעמס פירות, און פונדעסטוועגען האָט אויך רב נחמן געזאָגט אַז מען לאָזט יאָ צו דעם קרוב צום געפאנגענעמס פעלדער צו פאַרוואלטען, איז גוט געדרונגען. אתמר שבוי שנשבה, רב אמר אין מורידין קרוב לנכסיו, שמואל אמר מורידין קרוב לנכסיו, כששמעו בו שמת כולי עלמא לא פליגי דמורידין, כי פליגי בשלא שמעו בו שמת, רב אמר אין מורידין דילמא מפסיד להו, ושמואל אמר מורידין, כיון דאמר מר שיימינן להו כאריס לא מפסיד להו, מיר האָבען געלערנט איינער וואָס איז געפאנגען געוואָרען, זאָגט רב אז מען לאָזט ניט צו דעם קרוב צו זיינע פעלדער, שמואל זאָגט מען לאָזט יאָ צו דעם קרוב צו זיינע פעלדער, אַז מען האָט געהערט, דער געפאנגענער איז געשטאָרבען, קריגט קיינער ניט, אַז זיכער מען לאָזט דעם קרוב צו, נאָר ווייסטו וואו זיי קריגען? וואו מען האָט ניט געהערט אַז ער איז געשטאָרבען, רב האָט געזאָגט אין מורידין ווייל טאָמער וועט ער זיי רואינירען, און שמואל האָט געזאָגט מורידין, ווייל וויבאלד דער תנא האָט געזאָגט אז מען שאצט די קרובים פאַר זייער פאַרוואלטען ווי צו אַן אָריס וואָס נעמט א טייל פון דער ערנטע פאַר זיין ארבעט, וועט ער שוין ניט די פעלד רואינירען. זאָגט די גמרא מיתיבי ר' אלעזר אומר ממשמע שנאמר וחרה אפי והרגתי אתכם, יודע אני שנשותיהם אלמנות ובניהם יתומים, אלא מה תלמוד לומר והיו נשיכם אלמנות וכו'? מלמד שנשותיהם מבקשות לינשא ואין מניחין אותן ובניהן רוצים לירד לנכסי אביהן ואין מניחין אותם? איך וועל דיך א קשיא פרעגען ר' אלעזר זאָגט פון פסוק וואָס זאָגט אַז עס וועט גרימען מיין צאָרן, וועל איך אייך הרג'ענען, ווייסען מיר דאָך שוין פון דעם אַז זייערע ווייבער

בלייבען אלמנות און זייערע קינדער יתומים, היינט צו וואָס איז נאָך געזאָגט
אַז אייערע ווייבער וועלען בלייבען אלמנות און די זיהן יתומים? דאָ קומט
אָנלערנען אַז זייערע ווייבער וועלען זוכען צו הייראטען נאָר מען וועט זיי ניט
לאָזען, און זייערע זיהן וועלען וועלען אַרויף אויף זייערע פאָטערס פארמעג,
נאָר מען וועט זיי ניט לאָזען, דאָס מיינט אַז זיי פאַרבלייבען אייביגע אלמנות
און יתומים, דאָס קען נאָר געמאָלט זיין ביי א געפאַנגענעם וואו מען ווייסט ניט
צי ער לעבט? זעהסט דאָך גוט אין מורידין? לירד ולמכור תנן, האָט רבא
געזאָגט דאָס וואָס איז געלערנט אַז מען לאָזט ניט אַריין די קרובים צום גע־
פאנגענעמס פאַרמעג, מיינט מען צו קענען אויך פאַרקויפען פון די פעלדער,
הוה עובדא בנהרדעא ופשטה רב ששת מהא מתניתא, אמר ליה רב
עמרם דילמא לירד ולמכור תנן? אמר ליה דילמא מפומבדיתא את
דמעיילין פילא בקופא דמחטא, והא דומיא דנשותיהם ובניהם קתני
מה התם כלל לא אף הכא נמי כלל לא, עס איז פאַרלאָפען א געשיכטע פון
אזא געפאנגענעם, וואו עס איז אַ פראגע וועגען צולאָזען די יורשים, און רב
ששת האָט אויפגעקלערט דעם דין פון דער ברייתא פון ר' אלעזר וואָס לערנט
עס אַרויס פון פסוק והיה נשיכם אלמנות האָט צו אים געזאָגט רב עמרם
פיליכט מיינט עס נאָר געגען דעם רעכט צו קענען פאַרקויפען, געגען דעם
רעכט איז דאָס געלערנט די ברייתא, האָט צו אים רב ששת געזאָגט פיליכט
ביזטו פון פומבדיתא, וועלכע קענען אריינעמען אַן עלעפאנט אין א לעכעל
פון א נאָדל, ס'איז דאָך אַרויסגעלערענט א גלייכונק צו די נשיכם אלמנות,
פונקט ווי ביי זיי גענצליך ניט, דען זיי קענען בשום אופן ניט הייראטען, אַזוי
אויך דאָ לאָזט מען זיי גענצליך ניט אַריין צו די נכסים. זאָגט די גמרא, ומורידין
קרוב לנכסי שבוי תנאי היא, דתניא היורד לנכסי שבוי אין מוציאין
אותו מידו, ולא עוד אלא אפילו שמע שממשמשין ובאין וקדם ותלש
ואכל הרי זה זריז ונשכר, וועגען מורידין קרוב לנכסי שבוי קריגען תנאים,
דען מיר האָבען געלערנט אַז איינער געהט אריין און נעמט איבער די נכסים
פון א שבוי, ציהט מען ניט ארויס פון זיין האנד, און ניט דאָס אַליין, נאָר
אפילו ער האָט געהערט ווי מענשען האלטען און קומען און באטאפען די ערנטע,
און האָט ער געפערדערט און אראָפּגענומען די ערנטע און אויפגעגעסען, הייסט
ער אַ פלייסיגער און דערפאר באלוינט, ואלו הן נכסי שבויין, הרי שהיה
אביו או אחיו או אחד מן המורישין הלכו להם למדינת הים, ושמעו
בהם שמת, היורד לנכסי נטושים מוציאין אותו מידו, ואלו הן נכסי
נטושין, הרי שהיה אביו או אחיו או אחד מן המורישין הלכו להם
למדינת הים, ולא שמעו בהם שמת, און די הייסען נכסי שבויין, אַז זיין
פאָטער אָדער א ברודער אָדער איינער פון די וועלכע קענען אים מאכען
ירש'נען זיינען אַוועק צו מדינת הים, און מען האָט געהערט אין זיי, אַז זיי זיינען
געשטאָרבען, און דער וואָס געהט אַריין צו פאַרוואלטען פאַרלאָזענע פעלדער,
ציהט מען עס יאָ אַרויס פון אים, און די זיינען דאָס פאַרלאָזענע פעלדער, אַז
זיין פאָטער אָדער ברודער אָדער איינער פון די וועלכע מאכען ירש'נען זיינען
אוועק צו מדינת הים, און מען האָט ניט געהערט אַז ער איז געשטאָרבען, ואמר

**ר' שמעון בן גמליאל שמעתי שהנטושים כשבויין, היורד לנכסי רטושין מוציאין אותו מידו, ואלו הן נכסי רטושין, הרי שהיה אביו או אחיו או אחד מן המורישין כאן, ואינו יודע להיכן הלכו**, און ר' שמעון בן גמליאל האָט געזאָגט איך האָב געהערט אז נטושים איז גלייך ווי שבויין, דער וואָס געהט אַריין אין די פעלדער פון רטושין וואָס מיינט אויך וועלכער האָט פאַר־לאָזען די פעלדער, ציהט מען ניט ארויס פון אים, און די זיינען די נכסים פון רטושין, אַז זיין פאָטער ברודער אָדער איינער פון די מורישין זיינען דאָ נאָר מען ווייסט ניט וואוהין זיי זיינען אַוועקגעגאנגען. פרעגט די גמרא **מאי שנא הנך דקרו להו נטושים, ומאי שנא הני דקרו להו רטושים** (דף ל"ט, ע"א) **נטושין דבעל כרחן דכתיב והשביעית תשמטנה ונטשתה אפקעתא דמלכא**, וואָס עפּעס די רופען זיי נטושים און די רופען זיי רטושין? נטושין מיינט געצוואונגען ווי דער פסוק זאָגט די זיבעטע יאָהר זאָלסטו אָפּלאָזען און ניט איינמאָהנען און פאַרלאָזען די פעלדער, דאָס איז א גזירה אַזוי פון קעניג אין דער תורה. **רטושין דמדעתן דכתיב אם על בנים רוטשה**, רטושים מיינט פאַרלאָזענע מיט'ן אייגענעם געדאנק ווי דער פסוק זאָגט די מוטער מיט די קינדער איז פאַרלאָזען געוואָרען, דורך די מענער וועלכע האָבען זיך פרייוויליג אונטערגעגעבען מיט גוטע האָפענונג. **תנא וכולם שמין להם כאריס**, מיר האָבען געלערנט דאָס אלעמען שאצט מען אָפּ זייער דינסט ביי די פעלדער ווען דער באלעבאָס קומט, ווי אַן אָריס לויט פּראָצענט פון דער ערנטע און די שבח פון די פעלדער. פרעגט די גמרא **אהיי, אילימא אשבויין, השתא זריז ונשכר הוה, מאי דאשבח מיבעיא? אלא ארטושים והא מוציאין אותו מידו קתני? אלא אנטושין**, אויף וועמען באציהט דאָס דער דין וועגען שבח קרקעות? זאָל איך זאָגען אויף שבויין, איז דאָך מה־דאָך אַז ער איז א זריז כאפּענדיג אַליין, האָט ער געוואונען, וואו די פעלד איז בעסער געוואָרען דורך אים איז דאָך געוויס אַזוי? נאָר וועסטו דאָך וועלען זאָגען אויף רטושין לערנט ער דאָך פריהער אַז מען ציהט אַרויס פון אים? נאָר מוז זיין אויף נטושים פרעגט די גמרא **למאן? אילימא לרבנן הא אמרי מוציאין אותו מידו אי רבן שמעון בן גמליאל הא אמר שמעתי שהנטושין כשבויין? כשבויין ולא שבויין, כשבויין דאין מוציאין אותו מידו, ולא שבויין דאילו התם זריז ונשכר ואילו הכא שיימינן ליה כאריס**, נאָך וועמען נאָך מיינסטו דאָ ביי נטושים אַז מען שאצט זיי ווי צו אַן אָריס? זאָל איך זאָגען לויט די רבנן, האָבען זיי דאָך געזאָגט ביי נטושין אַז מען ציהט אַרויס פון זיין האנד? זאָל איך ווידער זאָגען לויט רבן שמעון בן גמליאל, האָט ער דאָך געזאָגט אז נטושין זיינען ווי שבויין? ענטפערט די גמרא זיי זיינען ווי שבויין און ניט ווי אַלס שבויין, ווי שבויין זיינען זיי, אַז מען ציהט ניט אַרויס פון זיין האנד, און ניט ווי אַלס שבויין דען דאָרט ביי שבויין אַליין איז אַפילו זריז ונשכר. און דאָ איז נטושין אַלס וואָס מען שאצט פאַר אים ווי אַן אריס, ווייל דער אונטערשייד צווישען זיי איז דאָך, דאָס שבויין מיינט וואו מען האָט געהערט אַז ער איז געשטאָרבען האָט דער יורש אַלע זכותים אָבער נטושין מיינט דאָך וואו מען האָט נאָך ניט

פארנומען אַז ער איז טויט, שאצט מען אים ווי אַן אריס, פרעגט די גמרא **ומי שנא מהא דתנן המוציא הוצאות על נכסי אשתו, הוציא הרבה ואכל קימעא, קימעא ואכל הרבה, מה שהוציא הוציא ומה שאכל אכל?** דו זאגסט אז זאלאנג מען הערט ניט פון זיין אפשטערבען שאצט מען דעם קרוב ווי אן אריס, ווארום זאל עס אנדערש זיין ווי דאס וואס מיר האבען געלערנט אין א משנה, דען מיר האבען געלערנט אַז דער מאן מאכט הוצאות אויף די פעלדער פון זיין פרוי וואס זי האט אלס נכסי מלוג, צי ער גיט אויס א סך און פאַרעסט ווייניג צי ער גיט אויס ווייניג און פאַרעסט א סך, איז דער דין וואס ער האט אויסגעגעבען, האט ער אויסגעגעבען און וואס ער האט פאַר־עסען האט ער פאַרעסען? ענטפערט די גמרא **הא לא דמיא אלא להא המוציא הוצאות על נכסי אשתו קטנה, כמוציא על נכסי אחר דמי, אלמא כיון דלא סמכא דעתיה תקינו ליה רבנן כי היכי דלא לפסדינהו הכא נמי תקינו ליה רבנן כי היכי דלא לפסדינהו,** די זאך דאָ איז ניט גלייך נאָר צו דער זאך וואס מיר האבען געלערנט, אַז איינער מאכט הוצאות אויף די נכסי מלוג פון זיין פרוי ווען זי איז נאָך אַלס קטנה, איז פונקט אַזוי ווי ער וואָלט מאכען הוצאות אויף פרעמדע נכסים, וואו ער האט ניט דאָס רעכט, אָבער אַז ער פארברויכט ווייניגער פון די הוצאות, שאצט מען אים ווי אַן אַריס, זעהען מיר דאָך ,וויבאלד אַז ער איז ניט זיכער מיט דער פרוי, ווייל זי קען דאָך אלס קטנה שפעטער ממאן זיין צו זאָגען אַז זי וויל אים ניט, האָבען שוין די רבנן מתקן געווען צו שאצען אים ווי אַן אריס, אום ער זאָל ניט רו־אינירען די פעלדער, אַזוי אויך דאָ האָבען די רבנן מתקן געווען ער זאָל זיין דערוויל ווי אַן אריס, ער זאָל ניט שעדיגען די נכסים וואס ער האט איבער־גענומען. פרעגט די גמרא **וכולן שמין להם כאריס, וכולן לאתויי מאי? לאתויי דאמר רב נחמן אמר שמואל שבוי שנשבה מורידין קרוב לנכסיו יצא לדעת אין מורידין קרוב לנכסיו,** דער וכולן וואס נעמט ארום נאָך יעמאנדען, וועמען איז דאָס טאקע מרבה? עס קומט מרבה זיין דאָס וואס רב נחמן האָט געזאָגט פון שמואל וועגען אַז דער וואס איז געפאנגען געוואָרען לאָזט מען צו זיין קרוב צו זיינע נכסים אַז ער איז אַרויס מיט'ן פולען דעת און ניט אָנגעזאָגט וועמען פון זיינע קרובים ער גיט איבער, לאָזט מען דעם קרוב ג"ט אריין צו די נכסים, **ורב נחמן דידיה אמר בורח הרי הוא כשבוי, בורח מחמת מאי? אילימא מחמת כרגא היינו לדעת? אלא בורח מחמת מרדין,** און רב נחמן זאָגט זיינס אַז ער איז א בורח, האָט ער דעם דין א שבוי, פרעגט די גמרא צוליב וואס איז ער א בורח? זאָל איך זאָגען צוליב'ן קאָפּ־שטייער וואס ער דאַרף געבען דער רעגירונג און ער האָט ניט, איז עס דאָס דאָסזעלבע ווי לדעת? נאָר זאָגט די גמרא ער איז א בורח צוליב מאָרד. **אמר רב יהודה אמר שמואל שבוי שנשבה והניח קמה לקצור ענבים לבצור תמרים לגדור, זיתים למסוק, בית דין יורדין לנכסיו ומעמידין אפוטרופוס וקוצר ובוצר וגודר ומוסק ואחר כך מורידין קרוב לנכסיו,** האָט רב יהודה געזאָגט פון שמואל וועגען אַז איינער איז געפאַנגען געוואָרען, און איבערגעלאָזען שטעהענדע תבואה צום שניידען) וויינטרויבען צו

אראָפּנעמען, טייטלען צום אָפּשניידען און אוילבירטען צו רייסען געהט דער בית דין אַריין צו זיינע נכסים און שטעלען אויף אַן אפוטרופוס, און ער שניידט שוין און רייסט אראָפּ די גאנצע ערנטע, און נאכהער לאָזט מען ערשט צו דעם קרוב צו זיינע נכסים, פרעגט די גמרא **ולוקים אפוטרופוס לעולם? אפוטרופוס לדיקנני לא מוקמינן**, זאָל מען אָנשטעלען אַן אפוטרופוס פאַר אימער? ענטפערט די גמרא אַן אפוטרופוס פאַר בא"בערד'טע מענשען שטעלען מיר ניט אָן, מיינענדיג פאַר יתומים טרעפען זיך מענשען צו געהן צוליב מצוה, אָבער פאַר גרויסע צו טאָן אזא אומזיסטע ארבעט וועט קיינער ניט טאָן: **אמר רב הונא אין מורידין קטן לנכסי שבוי, ולא קרוב לנכסי קטן, ולא קרוב מחמת קרוב לנכסי קטן**, האָט רב הונא געזאָגט מען לאָזט ניט אַריין קיין קטן אַלס קרוב צו פאַרוואַלטען די פעלדער פון א שבוי, און ניט קיין קרוב צו פאַרוואַלטען די פארמעגענס פון א קטן, און ניט קיין קרוב פון א קרוב צום קטן צו פאַרוואַלטען זיינע פעלדער, **אין מורידין קטן לנכסי שבוי דלמא מפסיד להו, ולא קרוב מחמת קרוב לנכסי קטן, באחי מאימא, ולא קרוב לנכסי קטן כיון דלא מחי אתי לאחזוקי ביה**, איז די גמרא מפרש אַז מען לאָזט ניט צו א קטן צו נכסי שבוי, ווייל טאָמער וועט ער רואינירען די פעלדער און ניט א קרוב פון א קרוב מיינט וואו דער קטן האָט א ברודער פון איין פאָטער און דער ברודער האָט נאָך אַ ברודער פון איין מאמע, וועלכער איז א פרעמדער צום קטן, צוליב טאָמער וועט ער זיי פאַרכאַפּען פאַר זיך, ווייל דער קטן איז ניט אין דער לאגע צו קענען ווערען. **אמר רבא שמע מינה מדרב הונא אין מחזיקין בנכסי קטן** (דף ל"ט, ע"ב) **ואפילו הגדיל**, האָט רבא געזאָגט, עס איז פון רב הונא געדרונגען אַז מען לאָזט ניט אָנהאַלטען קיין חזקה ביי נכסים פון א קטן, אפילו ווען דער קטן איז שוין גרויס געוואָרען, אפילו האַל־טענדיג די פעלדער דריי יאָהר ווען דער זוהן איז גרויס, איז עס אויך נישט קיין חזקה אלס טענה אַז דער זוהן האָט זיי אים פאַרקויפט, ווייל עס איז מעגליך אַז דער זוהן וואָס האָט ניט געוואוּסט, איז עס געווען, צוליב ער איז נאָך אין באוואוסטזיין ניט געווען אַז די פעלדער זיינען פון זיין פאָטער, פון דער סברה דרינגט מען עס אַז געוויס האלט אַזוי רב הונא. **ולא אמרן אלא באחי דאבא אבל באחי דאמא לית לן בה, ואחי דאבא נמי לא אמרן אלא בארעתא אבל בבתי לית לן בה**, און מיר זאָגען דאָס ניט וועגען ניט צו לאָזען נאָר ביים פאָטערס ברודער, צוליב ער קען נאָך האָבען א טענה אויף דער ירושה, דאָס די פעלד איז נאָך אַלס ירושה פונ'ם פאָטער וואָס איז א זיידע צום קטן, אָבער ביים ברודער פון קטן'ס מוטער שאָדט ניט ווייל עס איז דאָך ניטאָ קיין טענת ירושה, און אָפילו ביים פאָטער'ס ברודער זאָגען מיר אויך ניט, נאָר ביי פעלד, אָבער ביי הייזער שאָד ניט, ווייל שכנים ווייסען דאָך אַז די הויז געהער צו זיין חלק ירושה, **ובארעתא נמי לא אמרן אלא דלא עביד עיטדא, אבל עביד עיטדא קלא אית לה**, און ביי פעלד זאָגען מיר אויך ניט דעם קלער, נאָר וואו עס איז ניט געווען קיין שטר חלוקה, אָבער אַז עס איז יאָ געווען א שטר חלוקה שאָד ניט, ווייל אזא שטר האָט קול, איז ניט צו באזאָרגען דאָס טאָמער וועט ער מאכען א טענת ירושה. אָבער זאָגט די גמרא **ולא היא, לא**

**שנא אחי דאבא, ולא שנא אחי דאמא, לא שנא ארעתא ולא שנא בתי, ולא שנא עביד עיטדא, לא שנא לא עביד עיטדא לא מחתינן,** עס איז ניט אזוי, עס איז קיין אונטערשייד ניט, צי ביים פאָטער'ס ברודער צי מוטטער'ס ברודער, ווייל אויך ער קען ווידער טענה'ן דאָס די פעלד האָט באלאנגט צו דער מוטער, און דער פאָטער איז נאָך פריהער געשטאָרבען, האָט ער איהר ניט גע'ירש'ענט, בין איך איהר יורש, אויך איז קיין אונטערשייד ניט צי פעלד צי א הויז, צי עס איז דערביי געוועזן א שטר חלוקה צי ניט, ביי אלעס לאָזט מען קיין קרוב ניט צו, צו איבערנעמען די נכסים פון א קטן, ווייל ביי יתומים האָט מען שטרענגער אָפּעגהיט. **ההיא סבתא דהוה לה תלת בנתא, אישתבאי איהי וחדא ברתא, אידך תרתי בנתא שכיבא חדא מינייהו ושבקה ינוקא,** עס איז געוועזן אַן אלטיטשקע וואָס האָט געהאט דריי טעכטער, איז זי מיט איין טאָכטער געפאַנגען געוואָרען, די אַנדערע צוויי טעכטער איז איינע פון זיי געשטאָרבען און איבערגעלאָזט א קינד, **אמר אביי היכי נעביד, לוקמינהו לנכסי בידא דאחתא דילמא שכיבא סבתא ואין מורידין קרוב לנכסי קטן, נוקמינהו לנכסיה בידא דינוקא, דילמא לא שכיבא סבתא ואין מורידין קטן לנכסי שבוי?** האָט אביי געזאָגט ווי אַזוי זאָלען מיר טאָן, זאָלען מיר דאָס פארמעגען שטעלען אין די הענד פון דער שוועסטער, איז דאָך א קלער טאָמער איז די אלטע שוין געשטאָרבען, טאָרען מיר דאָך ניט צולאָזען קיין קרוב צו די נכסי קטן, זאָלען מיר ווידער שטעלען דאָס פארמעג פון קטן אין זיינע הענד, איז דאָך ווידער א קלער טאָמער איז די אלטע ניט געשטאָרבען, טאָר מען דאָך צו קיין קטן ניט איבערגעבען דאָס פאַרמעג פון א געפאנגענעם? **אמר אביי הלכך פלגא יהיבנא לה לאחתא, ואידך פלגא מוקמינן ליה אפוטרופא לינוקא,** האָט אביי געזאָגט איז דעריבער גיט מען האלם פונ'ם פארמעג איבער צו דער שוועסטער, און די אַנדערע העלפט שטעלט מען אַן אפוטרופוס פאַר'ן קינד, **רבא אמר מגו דמוקמינן אפוטרופא לפלגא מוקמינן ליה אפוטרופא לאידך פלגא...** רבא האָט געזאָגט אַזוי ווי' מיר שטעלען שוין אַן אפוטרופא פאַר איין העלפט, שטעלען מיר שוין אָפּ אויך פאַר דער צווייטער העלפט. **לסוף שמעו דשכיבא סבתא, אמר אביי תילתא יהבינן לה לאחתא ותילתא יהבינן ליה לינוקא, ואידך תילתא יהבינן דנקא לאחתא, ואידך דנקא מוקמינן ליה אפוטרופא לינוקא,** ענדליך האָט מען געהערט אַז די אלטע איז געשטאָרבען, האָט אביי געזאָגט אַזוי ווי דאָ זיינען פאראַן דריי יורשים די פרייע שוועסטער און די געפאנגענע שוועסטער און דאָס קינד, גיט מען א דריטעל צו דער פרייע שוועסטער, און אַ דריטעל צו דעם קינד, און די לעצטע דריטעל גיט מען א העלפט דערפון צו דער פרייער שוועסטער און די אנדערע העלפט פונ'ם דריטעל שטעלט מען אַן אפוטרופא פאַר'ן קינד. **רבא אמר מגו דמוקים אפוטרופא לדנקא מוקמינן נמי אפוטרופא לאידך דנקא,** רבא האָט געזאָגט אַזוי ווי מען שטעלט שוין אַן אפוטרופא פאַר איין דנקא, שטעלט מען שוין אויך איבער דער צווייטער דנקא. (דנקא הייסט א זעקסטעל וואָס מיינט דאָ א האלב דריטעל), **מרי בר איסק אתא ליה אחא מבי חוזאי אמר ליה פלוג לי, אמר ליה לא ידענא לך, אתא לקמיה דרב**

**חסדא, אמר ליה שפיר קאמר לך, שנאמר ויכר יוסף את אחיו והם לא הכירוהו מלמד שיצא בלא חתימת זקן ובא בחתימת זקן**, צו מרי בר איסק איז אָנגעקומען א ברודער פון חוזאי, ער האָט צו אים געזאָגט טייל זיך מיט מיר מיט דער ירושה, האָט ער צו אים געזאָגט איך קען דיך ניט, איז ער געקומען פאַר א דין תורה פאַר רב חסדא, האָט ער צו אים געזאָגט ער האָט דיר גוט געזאָגט, ווייל אוועקגעפאָרען פון אים ביזטו אָהן א באָרד־צייכען, און געקומען צוריק ביזטו שוין מיט א באָרד־צייכען, ווי דער פסוק זאָגט עס ביי יוסף אַז ער האָט זיינע ברידער דערקאָנט און זיי האָבען אים ניט דערקאָנט דאָס לערנט אָן אַז דער פאַל איז אויך דאָרט געוועזן. **אמר ליה זיל אייתי סהדי דאחוה את, אמר ליה אית לי סהדי ודחלי מיניה דגברא אלימא הוא**, האָט ער צו אים געזאָגט געה ברענג עדות אַז דו ביזט א ברודער, האָט ער צו אים געזאָגט איך האָב עדות נאָר זיי האָבען מורא פאַר אים צו געהן עדות זאָגען, ווייל ער איז פון די שטארקע. **אמר ליה לדידיה זיל אנת אייתי סהדי דלאו אחוך הוא, אמר ליה דינא הכי? המוציא מחבירו עליו הראייה, אמר ליה הכי דיינינא לך ולכל אלימי דחברך, אמר ליה סוף סוף אתו סהדי ולא מסהדי, אמר ליה תרתי לא עבדי**, האָט ער געזאָגט צום צווייטען געה דו און ברענגט עדות אַז ער איז ניט דיין ברודער, האָט ער צו אים געזאָגט איז דער דין אַזוי? עס איז דאָך דער דין אַז דער וואָס וויל אויסציהען געלד, דער דאַרף באווייזען, האָט ער צו אים געזאָגט, אַזוי וועל איך משפט'ן דיך און צו אַלע דיינע פריינד די מעכטיגע. האָט ער צו אים געזאָגט סוף סוף אַז די עדות וועלען קומען וועלען זיי דאָך ניט קענען עדות זאָגען, דען ווי קענען זיי זיין זיכער אַז ער איז ניט קיין ברודער, איז דאָך בעסער צו ברענגען די עדות וואָס ער זאָגט אַז ער האָט, זאָלען זיי זיין אַלס מיינע עדות, וועט מען זעהן. האָט רב חסדא צו אים געזאָגט צוויי זאכען וועלען זיי ניט טאָן, פריהער האָבען זיי ניט געוואָלט געהן אַלס זיינע עדות געגען דיר, ווילסטו גאָר יעצט זיי זאָלען געהן אַלס דיינע עדות, צוויי זאכען וועלען זיי ניט טאָן, דאָס העכסטע וואָס זיי וועלען קענען טאָן איז קומען און שווייגען. פון דעם שמועס אַז די עדות זאָלען קומען אין זיין צד, האָבען די עדות שוין פארשטאַנען, אַז עס איז ביי אים שוין רעכט ווי נאָר זיי וועלען זאָגען, זיינען זיי געוואָרען דרייסטער, **און לסוף אתו סהדי דאחוה הוא, אמר ליה לפלוג לי נמי מפרדיסי ובוסתני דשתל, אמר ליה שפיר קאמר לך דתנן הניח בנים גדולים וקטנים והשביחו גדולים את הנכסים השביחו לאמצע** (דף מ', ע"א) **וכן אמר רבה השביחו לאמצע**, און ענדליך זיינען טאקע די עדות געקומען און עדות געזאָגט אַז ער איז א ברודער, האָט ער צו רב חסדא געזאָגט זאָל ער זיך מיט מיר טיילען אויך פון די וויין־און־בוימען־גערטנער וואָס ער האָט געפלאַנצט, האָט רב חסדא צום אנדערען געזאָגט ער זאָגט דיר ריכטיג דען מיר האָבען געלערנט אין א משנה אַז איינער האָט איבערגעלאָזט גרויסע און קליינע זיהן, און די גרויסע האָבען פאַרבעסערט די פארמעגענס מיט פלאַנ־צונגען, האָבען זיי פאַרבעסערט ווי צו דערמיט פעלד וואו אַלע האָבען א גלייכען טייל, און אַזוי האָט רבה געזאָגט און גע'פסק'ט ווי די משנה אַז השביחו לאמצע,

**אמר ליה אביי מי דמי? התם גדולים גבי קטנים ידעי וקא מחלי, הכא מי ידע דליחיל?** האט אביי געזאגט צו רבה איז עס דען גלייך, דארט אין דער משנה שמועסט דאך פון גרויסע נעבען קליינע, ווייסען דאך די גרויסע און זיינען מוחל, אבער דא האט ער דען געוואוסט אז ער האט נאך א ברודער צו מוחל זיין א חלק פאר אים? **איגלגל מילתא ומטא לקמיה דר' אמי, אמר להו גדולה מזו אמרו שמין להם כארים, השתא דידיה לא יהבינן,** האט זיך די זאך פארקאהלערט און אנגעקומען צו ר' אמי, האט ער צו זיי געזאגט גרעסערס פון דער זאך האבען דאך די חכמים געזאגט, אז מען שאצט פאר די גרויסע — וועלכע נעמען איבער די פעלדער אויך פאר די קליינע — ווי צו אן אריס אויף פראצענט פון דער ערנטע, קומט דאך אויס יעצט אז אפילו זיינס גיט מען זיי ניט, ווילסטו גאר אזוי זיי זאלען צונעמען דעם גאנצען שבח? **אהדרוה הא לקמיה דרב חסדא אמר להו מי דמי? התם ברשות נחית, הכא לאו ברשות נחית, ועוד קטן הוא ואין מורידין קרוב לנכסי קטן, אהדרוה לקמיה דר' אמי אמר להו לא סיימוה קמי דקטן הוא,** האט מען די זאך פון ר' אמי צוריקגעבראכט פאר רב חסדא, האט ער צו זיי געזאגט, איז עס דען גלייך? דארט וואו מען שאצט אים ווי אן אריס איז ער דאך אריין מיט'ן רשות פון בית דין, אבער דא וואו דער קטן איז אוועק ,איז ער דאך אריין אהן בית־דין רשות און נאך איינס אלס קטן איז ער דאך אוועק, און מען לאזט דאך ניט צו, קיין קרוב צו נכסי קטן, היינט אז דער קטן איז יעצט דא אלס גדול טיילען זיי זיך אלס גלייך, איז דאך ניט צוגעקומען די פראצעדור אלס אריס, האט מען די זאך צוריקגעבראכט צו רבי אמי ער זאל שוין ענדיגען דעם משפט, האט רבי אמי צו זיי געזאגט זיי האבן פאר מיר ניט געענדיגט די גאנצע זאך אז ער איז א קטן געווען דאמאלט:

**מתני', המפקיד פירות אצל חבירו הרי זה יוציא לו חסרונות,** אז איינער גיט צו זיין חבר צו באהאלטען פירות און ער מישט זיי אויס מיט זיינע אייגענע פירות, ביים אפנעמען זיי זאל ער ארויסציהען אים די חסרונות וואס איז געווענליך זיי זאלען איינטריקענען, אדער עס זאל פעלען דורך עכברים, **לחטים ולאורז תשעה חצאי קבין לכור, לשעורין ולדוחן תשעה קבין לכור, לכוסמין ולזרע פשתן שלש סאין לכור, הכל לפי המדה והכל לפי הזמן.** ביי ווייטץ און רייז איז דער שטייגער עס זאל פעלען ניין האלבע מעסלאך צו א קארץ, צו גערשטען און אזא קארן וואס הייסט דוחן פעהלען ניין מעסטלאך צו א קארץ, צו אזא ווייץ וואס הייסט כוסמין אדער צו א פלאקסזאמען פעהלען דריי סאין צו א קארץ אלעס קומט לויס דער מאס, און אלעס לויט דער צייט, אויב ער נעמט זיי אפ נאך א רעגען־סעזאן ווען די לופט טריקענט ניט אזוי פעהלט ביי זיי ווייניגער. **אמר ר' יוחנן בן נורי וכי מאי אכפת להן לעכברין והלא אוכלות בין מהרבה ובין מקמעא? אלא אינו יוציא לו חסרונות אלא לכור אחד בלבד,** האט ר' יוחנן בן נורי געזאגט אין דען רעגט עס עפעס די עכברין צי מעהר צי ווייניגער, זי עסט דאך סיי פון א סך סיי פון ווייניג? דער אונטערשייד פון א סך צו ווייניגער קען נאר ווירקען ביים איינטרוקענען, דאס ביי א סך טרוקענט איין נאר די אויבערשיכטע אבער פאר עכברין איז דאך קיין אונטערשייד ניט? נאר עס איז ניט:

אנדערש, אַז ער ציהט ניט ארויס די חסרונות נאָר פאַר איין קורץ. ר׳ יהודה אומר אם היתה מדה מרובה אינו מוציא לו חסרונות מפני שמותירות, ר׳ יהודה זאָגט אויב עס איז געוועזן א גרויסע צאָהל פירות ציהט ער ביי איהם ניט ארויס קיין חסרונות ווייל ביי א סך האלט גיכער אָן די פייכטקייט וואָס לאָזט ניט איינטרוקענען. גמ׳, פרעגט די גמרא אורז טובא חסר? אמר רבה בר בר חנה אמר ר׳ יוחנן באורז קלוף שנו, ביי רייז פעהלט דאָך פיל מעהר ווייל זייער נאטור איז דאָך פיל צו איינטרוקענען? האָט רבה בר בר חנה געזאָגט פון ר׳ יוחנן וועגען, אַז די חכמים האָבען דאָ געלערנט ביים אָפגע־שיילטען אורז וואָס איז שוין טרוקען פון פריהער, דען מיט׳ן טרוקען ווערען פאַלען ארונטער די שאָלען נאכהער ווענדעלט מען זיי אויס, דאַן ערשט ווערט זייער שיעור גלייך צו חטים געגען חסרונות: לכוסמין ולזרע פשתן ג׳ סאין לכור: אמר ר׳ יוחנן אמר ר׳ חייא זרע פשתן בגבעולין שנו, תניא נמי הכי לכוסמין ולזרע פשתן בגבעולין ולאורז שאינו קלוף שלשה סאין לכור, הכל לפי המדה, ער רעכענט דאָ פאַר זרע פשתן דריי סאין צו א כור, דאָס איז דאָך צופיל)? האָט ר׳ יוחנן געזאָגט פון ר׳ חייא וועגען אַז די משנה שמועסט דאָ פון זרע פשתן וואָס איז נאָך אין די רערלאך אויבען, זיי טרוקענען פיל איין. מיר האָבען אויך אַזוי געלערנט אַז צו כוסמין און זרע פשתן נאָך אין די רערלאך, און צו ניט געשיילטע רייז, דאַרף ער ארונטערנעמען צו דריי סאין פון יעדען כור, אַלעס לויט דער מאָס: תנא וכן לכל כור וכור וכן לכל שנה ושנה, מיר האָבען געלערנט א ברייתא אַלס פירוש אויף דער משנה, אַז די חסרונות ציהט מען ארונטער אַזוי פון יעדען כור און אַזוי פון יעדען יאָהר: אמר ר׳ יוחנן בן נורי: תניא אמרו לו לר׳ יוחנן בן נורי הרבה אובדות מהן, הרבה מתפזרות מהן, מיר האָבען געלערנט די חכמים האָבען געזאָגט צו ר׳ יוחנן בן נורי פיל ווערען פאַרלוירען פון די פירות פיל ווערען צעשפריצט איז דאָך א רעכענונג אויף חסרונות. תנא במה דברים אמורים שעירבן עם פירותיו, אבל יחד לו קרן זוית, אומר לו הרי שלך לפניך, מיר האָבען געלערנט ווען זיינען די רייד געזאָגט אַז ער נעמט ארונטער די חסרונות? וואו ער האָט די פירות צוזאמענגעשטעלט מיט זיינע פירות, אָבער אַז ער האָט איהם געאייניציגט א ווינקעל פאַר די פירות, ווען אַפילו עס פעהלט מעהר איז ער אויך ניט פאַראנטוואָרטליך נאָר ער זאָגט איהם דיינס איז דאָ פאַר דיר. פרעגט די גמרא וכי ערבן עם פירותיו מאי הוי, ליחזי לדידיה כמה הויין? במסתפק מהן, וליחזי כמה אסתפק? דלא ידעי כמה אסתפק, און אַז ער מישט זיי אויס מיט זיינע פירות איז וואָס, ער קען דאָך זעהן וויפיל זיינע זיינען נאָך פאַראן, און געבען איהם די רעשט? ענטפערט די גמרא עס שמועסט וואו ער נוצט פון זיי צום געברויך, פרעגט ער ווייטער ער קען דאָך דאָס אויך זעהן וויפיל ער נעמט צום נוץ, ענטפערט די גמרא עס שמועסט וואו זיי ווייסען ניט וויפיל מען האָט ארונטערגענומען פאַר׳ן געברויך. ר׳ יהודה אומר אם היתה וכו׳: כמה מדה מרובה? אמר רבה בר בר חנה אמר ר׳ יוחנן עשרה כורין, תניא נמי הכי כמה מדה מרובה? עשרה כורין. וויפיל הייסט דאָ מדה מרובה? האָט רבה בר בר חנה געזאָגט צעהן כורין.

מיר האָבען אויך אַזוי געלערנט אין א ברייתא וויפיל מיינט דאָ מדה מרובה? צעהן כורין. **תני תנא קמיה דרב נחמן במה דברים אמורים שמדד לו מתוך גורנו והחזיר לו מתוך גורנו אבל מדד לו מתוך גורנו והחזיר לו מתוך ביתו אינו יוצי**א **לו חסרונות מפני שמותירות**, דער תנא האָט גע־לערנט פאַר רב נחמן ווען זיינען די רייד געזאָגט אַז ער נעמט ארונטער די חסרונות? אויב ער האָט איהם צוגעמאָסטען פון זיין שייער, אַז ער האָט אים צוריקגעגעבען אויך פון זיין שייער, אָבער אַז ער האָט אים צוגעמאָסטען פון זיין שייער, און ער האָט אים צוריקגעגעבען פון זיין הויז, נעמט ער ניט אראָפּ די חסרונות ווייל אין הויז וואו עס איז פאַרמאכטער פלאַץ האלט עס, די תבואות פייכטער, קומען זיי נאָך צו, אין זואָג און ווערען מעהר. **אמר ליה וכי בשופטני עסקינן דיהבי בכיילא רבא ושקלי בכיילא זוטא, דלמא בימות הגורן קא אמרת, במה דברים אמורים? שמדד לו בימות הגורן והחזיר לו בימות הגורן, אבל מדד לו בימות הגורן והחזיר לו בימות הגשמים, אינו יוצי**א **לו חסרון מפני שמותירות**, האָט ער צו אים געזאָגט שמועסט דען דאָ ביי שוטים וועלכע זאָלען געבען צו יענעם מיט אַ גרויסע מאָס, און צוריקנעמען מיט א קלענערע מאָס, פיללייכט מיינסטו צו זאָגען אין צייט ווען מען זאמעלט צוזאמען דעם גורן און מען דרעשט אים אויס און אַזוי האָסטו געמיינט צו זאָגען ווען זיינען די רייד געזאָגט וועגען חסרונות? אויב ער האָט אים צוגעמאָסטען אין צייט פון גורן ווען די תבואה האלט אין טרוקענען, און ער גיט אים צוריק אין ימות הגורן ווען די תבואה איז נאָך טרוקענער אָבער אַז ער האָט אים צוגעמאָסטען אין ימות גורן, און צוריקגעגעבען אים שוין אין רעגען סעזאָן ווען די תבואה איז פייכטער, נעמט ער ניט אַרויס קיין חסרונות ווייל די תבואה דאמאָלט איז שווערער און מעהר, דאָס איז געוויינליך עס זאָל טרעפען און מען קען זיך דערפון ניט אויסהיטען, ווייל אין ימות הגורן איז די תבואה אין פראָצעס פון טרוקענען. **אמר ליה רב פפא לאביי אב כן ליפקע כדא, הוה עובדא ופקע כדא? איבעית אימא משום איצצא** האָט רב פפא געזאָגט צו אביי אויב אַזוי אויב די תבואה שוועלט, וואָלט דאָך די קרוג דארפען פלאַצען, עס האָט דאָך טאקע אַזוי איינמאָהל פאַסירט וואו דער כד האָט געפלאַצט? אַז ווילסט וועל דיר זאָגען אַז ביי דעם כד האָט עס פאַסירט צוליב עס איז צו ענג געווען געפּאַקט האָט געמוזט פלאַצען דער כד: **מתני', יוציא לו שתות לייז, ר' יהודה אומר חומש, יוציא לו שלשה לוגין שמן למאה, לוג ומחצה שמרים, לוג ומחצה בלע**, אַז איינער גיט יענעם צו באהאלטען וויין, און ער גיסט אים אריין צו זיינע פעסער וויין, ווען ער גיט אים צוריק ציהט ער אים אראָפּ א זעקסטעל, ר' יהודה זאָגט א פינפטעל, דריי לוגין ציט ער אים אראָפּ פון הונדערט לוגין אויל, מיט אזויפיל ווערט ער ווניגער א לוג און א האלב זעצען אראָפּ אַלס הייוועץ און א לוג און אַ האלב זאפּט איין די פאַס. **אם היה השמן מזוקק אין יוצי**א **לו שמרים, אם היו קנקנים ישנים אינו יוצי**א **לו בלע**, אויב דער שמן איז שוין געווען געלוי־טערט ציהט ער אים ניט אראָפּ פאַר שמרים, אויב די קרוגלאַך זיינען געווען אלטע וועלכע זאַפּען שוין ניט איין, ציהט ער אים ניט אראָפּ פאַרן איינזאַפּען.

**ר' יהודה אומר המוכר שמן מזוקק לחבירו כל ימות השנה הרי זה מקבל עליו לוג ומחצה שמרים למאה**, ר' יהודה זאָגט אויך אַז איינער פאַר־קויפט צו יענעם געלויטערטען אויל א גאַנץ יאָר, נעמט אויף זיך דער קויפער צו קריגען וויניגער מיט א לוג און א האלבע ביי די הונדערט: **גמ׳**, זאָגט די גמרא **ולא פליגי מר כי אתריה ומר כי אתריה, באתריה דמר חפו בקירא ולא מייץ טפי, באתריה דמר חפו בכופרא ומייץ טפי**, דער חילוק פון תנא קמא ביז ר' יהודה ביי שמן מזוקק, מיינט ניט אז עס איז אין מחלוקת דען זיי קריגען ניט, דער תנא קמא זאָגט לויט זיין פלאַץ און ר' יהודה זאָגט לויט זיין אָרטשאפט, אין אָרטשאפט פון תנא קמא האָט מען געדעקט די ווענטלאך מיט א וואקס האָבען זיי שוין מעהר ניט איינגעזאפט, און אין אָרטשאפט פון ר' יהודה אָט מען געדעקט מיט פעך וואו די ווענטלאך זאפען נאָך אַלץ איין. **איבעית אימא משום גרגישתא הא מייצא טפי והא לא מייצא טפי**, אַז ווילסט וועל דיר זאָגען אז אנשטאָט פעך איז געווען ערדליים, מיט וואקס אָדער פעך זאפט ניט מעהר, מיט ערדליים זאפט יאָ מעהר, **באתריה דרב יהודה רמו ארבעים ותמני כוזי בדנא, אזיל דנא בשיתא זוזי פריס רב יהודה שיתא שיתא בזוזא**, אין אָרטשאפט פון רב יהודה איז געווען אזא דנא (א פאס) וואו עס איז אַריין אכט און פערציג קרוגלאך, און אזא פעסעל אויל איז געגאנ־גען אין פרייז פאַר זעקס זוזים, האָט רב יהודה אלס סוחר אין צייט פון שניט ביים אראָפּנעמען אוילבירטען געקויפט אזא פעסעל אויל און זיי געטיילט צו קונים צו זעקס כוזי'ס פאַר א זוזא, איז אים געבליבען אַלס דערוויל פון די אכט און פערציג כוזי'ס אַלס רווח צוועלף כוזי'ס (**דף מ' ע"ב**) **דל תלתין ושיתא בשיתא פשו ליה תריסר, דל תמניא שתותי, פשו להו ארבעא**, נעם אוועק פון די אכט און פערציג, פאַר די זעקס זוזים זעקס און דרייסיג כוזי'ס בלייבען איבער צוועלף, נעם נאָך אַוועק אכט זעקסטלאך פון די אכט מאָהל זעקס וואָס די פאס זאפט איין, בלייבען בלויז פיר כוזים אלס רווח. אויף דעם פרעגט די גמרא **והאמר שמואל המשתכר אל ישתכר יותר על שתות? איכא גולפי ושמריא, אי הכי נפיש ליה טפי משתות? איכא טרחיה ודמי ברזנייתא**, שמואל האָט דאָך געזאָגט אַז דער פאַרדינער זאָל ניט פאַרדינען מעהר ווי א זעקסטעל, אָבער אַ זעקסטעל יאָ, היינט ווארום זאָל ער דאָ ניט מאכען קיין זעקסטעל? ענטפערט די גמרא עס איז פאַראַן די כלי מיט די הייוועך־אָפּפאַל וואָס בלייבט ביי אים. און באלד פרעגט די גמרא איבער אויב אַזוי בלייבט אים דאָך שוין מעהר פון א שתות? ענטפערט די גמרא עס איז דערביי א טירחה און א געלד־קאָסט אין אויסרופען די סחורה אין די גאסען: **אם היה שמן מזוקק אינו יוציא לו שמרים וכו׳**: **והא אי אפשר דלא בלע? אמר רב נחמן במזופפין שנו, אביי אמר אפילו תימא שלא במזופפין כיון דטעון טעון**, עס איז דאָך ניט מעגליך עס זאָל ניט איינזאַפּען? דאַרף ער דאָך אים יאָ אָפּרעכענען? האָט רב נחמן געזאָגט ביי אויסגעשמירט מיט פעך האָבען די חכמים דאָ גערעדט, אביי זאָגט דו קענסט אפילו זאָגען וואו זיי זיינען ניט אויסגעקלעפּט מיט פעך, נאָר וויבאלד די פאס איז שוין אָנגע־לאָדען און אָנגעזאפט, איז זי שוין אָנגעלאָדען און זאפט שוין מעהר ניט איין.

**ר׳ יהודה אומר וכו׳ : אמר אביי כשתמצא לומר לדברי ר׳ יהודה מותר לערב שמרים, לדברי חכמים אסור לערב שמרים, לדברי ר׳ יהודה מותר לערב שמרים והיינו טעמא דמקבל, דאמר ליה אי בעי לערובי לך מי לא ערבי לך השתא נמי קביל**, האָט אביי געזאָגט אז דו ווערסט וועלען געפינען צו זאָגען דעם אויסגאנג פון זייערע סברות, קומט אויס אַז לויט ר׳ יהודה׳ס רייד מעג מען צוריק אויפמישען די שמרים און לויט די חכמים טאָר מען ניט אויפמישען די שמרים. איז די גמרא מפרש לויט ר׳ יהודה מעג מען אויפמישען די שמרים, ווייל דאָס איז טאַקע דער טעם וואָס ער נעמט צו, מיט א לוג און א האלב ווייניגער, דען ער קען זאָגען צו אים ,ווען איך וואָלט וועלען אויפמישען די שמרים, וואָלט איך דען ניט קענען? אַזוי יעצט אויך מיט ווייניגער פון א לוג און האלב נעם. פרעגט די גמרא **ולימא ליה אי ערבת ליה, הוה מזדבן לי, השתא מאי אעבד ליה, לחודיה לא מזדבן לי? בבעל הבית עסקינן דניחא ליה בצילא**, דער לוקח קען דאָך צו אים טענה׳ן אויב דו וואָלסט אים צונויפמישען, וואָלט ער זיך מיר אַזוי צוזאמען פאַרקויפען, אָבער יעצט וואָס קען איך מיט די שמרים טוען, אַליין וועלען זיי זיך מיר ניט פאַרקויפען? ענטפערט די גמרא דאָ שמועסט ביי א בעל הבית וואָס איז פאַר בעסער לויטערען שמן ווען אפילו מען נעמט אים אַרונטער פאַר די שמרים. פרעגט די גמרא **ולימא ליה מדלא ערבת לי אחולי אחלת לי? ר׳ יהודה לטעמיה דלית ליה מחילה, דתנן מכר לו את הצמד, לא מכר לו את הבקר, מכר לו את הבקר לא מכר לו את הצמד**, ער קען דאָך צו אים זאָגען פון דעם וואָס דו האָסט ניט צונויפגעמישט, מוז דאָך זיין אַז דו האָסט מוחל געווען, און באשטעהסט מיר צו געבען שמן אויפ׳ן פלאַץ פון די שמרים? ענטפערט די גמרא ר׳ יהודה געהט נאָך זיין סברה נאָך וואו ער האלט ניט קיין מחילה, דען מיר האָבען געלערנט אין א משנה אַז איינער האָט שטעהן א פּאָר אָקסען צוזאמענגעשלאָסען מיט א צמד וואָס האלט זיי ביידען גלייך אין שפּאַן, און דער לוקח זאָגט צום מוכר פאַרקויף מיר דעם צמד, און ער האָט אים פאַר־קויפט דעם צמד, מיינט עס ניט אַז ער האָט אים פאַרקויפט דעם צמד בקר, מיינענדיג ביידע אָקסען, עס קען אויך מיינען דעם צמד מיט איין אָקס, ווייל די סומע געלד צייגט אויף, אויף בלויז איין אָקס מיט׳ן צמד, אָבער זיכער מיינט עס מיט׳ן צמד וואָס ער זאָגט אַרויס, אויב ער האָט צו אים געזאָגט פאַרקויף מיר די בקר און ער האָט אים פאַרקויפט, איז דער צמד ניט אין כלל, דאָס הייסט ער האָט אים בלויז פאַרקויפט די בקר לויט׳ן פרייז פון געלד צי איינעם צי ביידע, אָבער דעם צמד ניט. **ר׳ יהודה אומר הדמים מודיעין, כיצד? אמר לו מכור לי צמדך במאתים זוז, הדבר ידוע שאין הצמד במאתים זוז, והחכמים אומרים אין הדמים ראייה**, ר׳ יהודה זאָגט אַז די געלד מאכען שוין אויפמערקזאם צי איין אָקס מיט׳ן צמד האָט ער געמיינט צי ביידע מיט׳ן צמד. ווי אַזוי? דהיינו ער האָט צו אים געזאָגט פאַרקויף מיר דיין צמד פאַר צוויי הונדערט זוז, איז דאָך שוין זיכער לויט די פרייזען דאמאָלט אַז קיין צמד מיט ביידע אָקסען קריגט מען ניט, פאַר צוויי הונדערט זוז, אָבער אזוי אויך, צי צוויי הונדערט זוז מיינען דעם אָקס אליין, צי דעם

אַקס מיטן צמד קען מען דאָך אויך וויסען לויט'ן מאַרק־פּרייז, און דער קויפער איז ניט מוחל און די חכמים זאָגען דאָס די געלד איז ניט קיין ראייה ווייל אזא קליינעם אונטערשייד מיט'ן צמד קען מען ניט נעמען אַלס ראייה ווייל דאָס איז ער מוחל. **לדברי חכמים אסור לערב שמרים והיינו טעמא דלא מקבל, דאמר ליה אי בעית לערובי מי הוה שרי לך, השתא נמי לא מקבילנא,** און לויט די רייד פון די חכמים איז אסור צו מערב זיין די שמרים, און דאָס איז טאקע דער טעם ווארום דער לוקח נעמט ניט אָן, דען ער קען צו אים זאָגען ווען דו וואָלסט וועלען צונויפמישען, וואָלסטו דען מעגען, אַזוי וויל איך אויך ניט אָנעמען מיט ווייניגער פון א לוג און א האלב. **אמר ליה רב פפא לאביי אדרבה איפכא מסתברא לדברי חכמים מותר לערב שמרים והיינו טעמא דלא מקבל, דאמר ליה מדלא ערבת לי אחולי אחלית לי, לדברי ר' יהודה אסור לערב שמרים, והיינו טעמא דמקבל, דאמר ליה אי בעי לערובי לא שרי לי דערובי לך, קבולי לא מקבלת? זבון וזבין תגרא איקרי.** האָט רב פפא געזאָגט צו אביי אדרבה עס איז דאָך פאַרקערט די סברה, לויט די חכמים מעג מען מערב זיין שמרים, און דאָס איז דער טעם ווארום ער נעמט ניט אָן ווייניגער ווייל ער קען צו אים זאָגען פון דעם וואָס דו האָסט ניט צונויפגעמישט איז אַ סימן אַז דו האָסט מוחל געווען, דעריבער שלאָגסטו ניט אָפּ אויף די שמרים. און לויט ר' יהודה'ס רייד איז אסור צונויפמישען די שמרים, און דאָס איז דער טעם וואָס ער נעמט אָן ווייניגער לויט ר' יהודה, ווייל ער קען צו אים זאָגען, טאקע ווען איך וואָלט וועלען צונויפמישען, וואָלט איך ניט טאָרען אָבער צוליב דעם דו זאָלסט ניט נעמען איז ניט רעכט, ווייל קען איך דען אַזוי האנדלען אָהן רווח, צו קויפען און פאַרקויפען אבי צו הייסען א סוחר. **תנא אחד הלוקח ואחד המפקיד לפקטים מאי לפקטים? אילימא כי היכי דלוקח לא מקבל פקטים, מפקיד נמי לא מקבל פקטים, ולימא ליה פקטך מאי אעביד להו?** מיר האָבען געלערנט סיי דער לוקח סיי דער מפקיד האָבען דעם זעלבען דין געגען פקטים (פקט מיינט די אָפּפאַל פון די קערנדלאַך אָדער קערנדלעך וואָס שווימען אויפ'ן אויל) וואָס מיינט דאָ געגען פקטים? זאָל איך זאָגען דאָס פונקט ווי דער לוקח נעמט ניט צו, די פקטים, אַזוי אויך דער מפקיד, קען דאָך דער וואָס האלט דעם פקדון זאָגען צום מפקיד, מיט דיינע פקטין וואָס זאָל איך טוען? **אלא כי היכי דמפקיד מקבל פקטים, לוקח נמי מקבל פקטים, ומי מקבל לוקח פקטים, והתניא ר' יהודה אומר לא אמרו שמן עכור אלא למוכר בלבד, שהרי לוקח מקבל עליו לוג ומחצה שמרים בלא פקטים?** נאָר מוזטו דאָך זאָגען דאָס פונקט ווי דער מפקיד נעמט צו די פקטים, אַזוי אויך דער לוקח זאָל מוזען אָנעמען די פקטים, איז דאָך אָבער שווער, נעמט דען דער לוקח צו די פקטים, מיר האָבען דאָך געלערנט ר' יהודה זאָגט אז די חכמים האָבען ניט געזאָגט וועגען שמוציגען שמן אַלס שאָדען נאָר פאַר'ן מוכר אַליין, ווייל דער לוקח האָט דאָך שוין ארונ־טערגענומען א לוג און אַ האלבע פאַר שמרים מיינט דאָך שוין דאָס אָהן פקטים, זעהסטו דאָך גוט אַז דער לוקח נעמט ניט אָן קיין פקטים? ענטפערט די גמרא **לא קשיא הא דיהיב ליה זוזי בתשרי וקא שקיל מיניה בניסן**

כי מדה דתשרי, הא דיהיב ליה זוזי בניסן וקא שקיל מיניה בניסן כי מדה דניסן, עס איז ניט קיין קשיא, דאָ וואו עס איז געלרנט אַז דער לוקח מוז אַנעמען די פקטים, שמועסט וואו ער גיט אים געלד אין תשרי ווען דער שמן איז ביליג, און ער נעמט אים פון אים אין ניסן, לויט דער מאָס פון תשרי ווען ער איז נאָך ניט געווען לויטער, האָט דער לוקח גענומען אויף זיך די פקטים, אָבער די ברייתא דאָ שמועסט וואו ער האָט אים געגעבען געלד אין ניסן, און גענומען אים אין ניסן, לויט דער מאָס פון ניסן ווען דער שמן איז שוין לויטער, דאמאָלט ווערט סתם שמן פאַרקויפט אַלס לויטער, איז דער לוקח ניט געצוואונגען צו צונעמען די פקטים אינ'ם שמן. מתני', המפקיד חבית אצל חבירו, ולא יחדו לה בעלים מקום וטלטלה ונשתברה, אם מתוך ידו נשברה לצרכו חייב, לצורכה פטור, אַז איינער האָט געגעבען צו באַ־האַלטען אַ פאַס, צום חבר, און די בעלים האָבען צו דער פאַס אַ ספּעציעלען פּלאַץ ניט איבערגעגבען, און ער האָט איהר אַזוי באַוועגען, און זי איז צובראָכען געוואָרען, איז זי פון זיין האנד אַרויס צובראָכען געוואָרען פאַר זיין אייגען געברויך וועגען, איז ער חייב, פאַר דער פאַס וועגען צו שטעלען איהר אין אָרדענונג איז ער פטור. אם משהניחה נשברה בין לצרכו בין לצורכה פטור, יחדו לה הבעלים מקום, וטלטלה ונשברה בין מתוך ידו ובין משהניחה, לצרכו חייב לצורכה פטור, אויב נאָכ'ן אוועקשטעלען איהר איז זי צובראָכען געוואָרען, איז סיי פאַר זיין נוץ, סיי פאַר דער טובה פון פאַס, איז ער אַלץ פטור. האָט ער איהר געגעבען אַ ספּעציעלען פּלאַץ, און פונדעסטוועגען האָט ער איר באַוועגען, און זי איז צובראָכען געוואָרען, איז דער דין, סיי פון זיין האנד אַרויס, סיי נאָכן האָבען איהר אַוועקגעשטעלט. אויב פאַר זיין נוץ איז ער חייב, פאַר איהר נוץ איז ער פטור: גמ', הא מני? ר' ישמעאל היא דאמר לא בעינן דעת בעלים, דתניא הגונב טלה מן העדר ופלע מן הכיס, למקום שגנב יחזיר דברי ר' ישמעאל, ר' עקיבא אומר (דף מ"א, ע"א) צריך דעת בעלים, דאָס וואָס די רישא לערנט אַז אויב נאָכ'ן אוועקשטעלען איהר איז זי צובראָכען געוואָרען, כאָטש אפילו פאַר זיין נוץ איז ער פטור, צוליב דער סברה, ווייל צוריק אַוועקשטעלענדיג איהר, הייסט זי ווי גלייך אין רשות פון די בעלים ווי פריהער, און ער איז ניט מעהר ווי אַלס שומר חינם און ער איז פטור אויף דעם אונס, כאָטש ער האָט ניט אָנגעזאָגט פריהער פון זיין אַוועקנעמען און צוריקשטעלען איהר, הייסט עס אַלץ אלס השבה צוריקגעגעבען, ווי ווער קומט די סברה אויס? ווי ר' ישמעאל, דען ער זאָגט מיר דאַרפען ניט דעם וויסען פון די בעלים, דען מיר האָבען געלערנט אַז איינער האָט גע'גנב'ט אַ שעפּסעל פון דער סטאַדע אָדער אַ סלע פונ'ם בייטעל, דאַרף ער די גנבה צום פּלאַץ וואו ער האָט גע'גנב'עט צוריקשטעלען אַזוי האלט ר' ישמעאל, ר' עקיבא זאָגט עס איז געדאַרפט דער וויסען פון די בעלים אַז ער האָט גענומען און צוריק־געבראַכט, אניט איז ער חייב אַפילו באונס פון דער צייט ווען ער נעמט פאַר זיין נוץ און די השבה הייסט ניט קיין השבה אָהן דעת בעלים. פרעגט די גמרא אי ר' ישמעאל מאי איריא לא יחדו, אפילו יחדו נמי? אויב די משנה איז לויט ר' ישמעאל וואָס כאַפּט זי אָן דעם באַדינג פון לא יחדו לה מקום, ווען

אפילו ער האָט יאָ מיחד געווען א פלאַץ איז דאָך אויך דער דין אַזוי לויט ר׳ ישמעאל? ענטפערט די גמרא **לא מיבעיא קאמר, לא מיבעיא יחדו, דמקומה היא, אלא אפילו לא יחדו דלאו מקומה הוא לא בעינן דעת בעלים**, די משנה מיינט דאָ אַנצוזאָגן א רבותא און זי זאָגט א לא מיבעיא, עס איז ניט געדארפט צו זאָגן יחדו, וואו זי האָט איהר פלאַץ, נאָר אפילו לא יחדו וואו עס איז ניט איהר פלאַץ ברויכען מיר אויך ניט דעם דעת בעלים, ווייל וואו זי זאָל ניט שטעהן אין זיין הויז הייסט זי אַלץ ווי אין רשות בעלים. זאָג׳זשע די סיפא **יחדו לה הבעלים מקום וטלטלה ונשברה, בין מתוך ידו, בין משהניחה, לצרכו חייב לצרכה פטור אתאן לר׳ עקיבא דאמר בעינן דעת בעלים**, אַז די בעלים האָבען מיחד געווען א פלאַץ פאַר דער פאס און ער האָט איהר מטלטל געווען און זי איז צובראָכען געוואָרען, סיי דאָס איז געשעהן פון זיין האנד אַרויס, סיי נאָכ׳ן אַוועקשטעלען, איז פאַר זיין נוץ דאָס געטאָן געוואָרען איז ער חייב, פאַר׳ן צורך חבית איז ער פטור, איז דאָך די קשיא ווארום ביי משהניחה זאָל ער חייב זיין לצרכו, עס איז דאָך ווי רשות בעלים? מוז דאָך די סיפא אויסקומען לויט ר׳ עקיבא וואָס זאָגט מען דארף דעת בעלים, איז דאָך ווידער צו פרעגען אי ר׳ **עקיבא מאי איריא יחדו, אפילו לא יחדו נמי? לא מיבעיא קאמר, לא מיבעיא לא יחדו דלאו מקומה הוא אלא אפילו יחדו נמי דמקומה הוא בעינן דעת בעלים**, אויב ר׳ עקיבא וואָס כאפט די משנה אָן יחדו ווען אפילו לא יחדו איז דאָך אויך אַזוי דער דין לויט ר׳ עקיבא צו דאַרפען דעת בעלים? ענטפערט די גמרא די משנה מיינט דאָ צו זאָגען א לא מיבעיא, אַז עס איז ניט געדארפט צו זאָגען לא יחדו וואו עס איז ניט איהר פלאַץ, נאָר אַפילו ווען יחדו אין איהר פלאַץ איז אויך געדארפט דעת בעלים. איז דאָך אָבער צו פרעגען **רישא ר׳ ישמעאל וסיפא ר׳ עקיבא? אין, דאמר ר׳ יוחנן מאן דמתרגם לי חבית אליבא דחד תנא מובילנא מאניה בתריה לבי מסותא**, זאָל די רישא אויסקומען לויט ר׳ ישמעאל און די סיפא לויט ר׳ עקיבא, געווענליך איז דאָך מעהר סברה אַז רבי האָט סותם געווען די משנה לויט איין תנא? ענטפערט די גמרא יאָ. די משנה מוז אויסקומען לויט ביידע תנאים, דען ר׳ יוחנן האָט געזאָגט ווער עס וועט מיר באשיידען די משנה דאָ מיט׳ן חבית נאָך איין תנא נאָך, וועל איך אים נאָכטראָגען זיינע שיך צום באָד־הויז. **תרגמה ר׳ יעקב בר אבא קמיה דרב שנטלה על מנת לגוזלה, תרגמה ר׳ נתן בר אבא קמיה דרב שנטלה על מנת לשלוח בה יד**, נאָך דעם אויסזאָגען פון ר׳ יוחנן וועגען דער שווער־קייט צו איינלערנען די משנה דאָ מיט דעם חבית לויט איין תנא, האָט ר׳ יעקב בר אבא באשיידט פאַר רב אַז עס שמועסט וואו ער האָט איהר גענומען מיט דער כוונה צו גזל׳ן איהר און ניט צוריקגעשטעלט אין איהר ספעציעלען פלאַץ, אין אזא וויזע שטעהט שוין די חבית אין זיין רשות איז ער דעריבער חייב ביי לצרכו אפילו לויט ר׳ ישמעאל און ר׳ נתן בר אבא האָט מפרש געווען פאַר רב׳ן וואו ער האָט איהר גענומען מיט דער כוונה צו שולח יד זיין, דהיינו צו נעמען עפּעס פון איהר און ניט צוריקגעשטעלט אין איהר געוויסען פלאַץ, האָט ער איהר מיט דעם געשטעלט אין זיין אייגענעם רשות, דאָ איז ר׳ ישמעאל

אויך מודה אַז עס מוז זיין דעת בעלים, אָניט הייסט עס ניט קיין השבה. פרעגט די גמרא **במאי קא מיפלגי?** **בשליחות יד צריכה חסרון, מאן דאמר לגוזלה, קסבר שליחות יד צריכה חסרון, ומאן דאמר לשלוח בה יד, קסבר שליחות יד אינה צריכה חסרון,** אין וואָס א סברה קריגען זיי? זיי קריגען אין דער סברה צי ביי שליחות יד דאַרף עפּעס פעהלען, דער וואָס זאָגט לגוזלה, דער האלט אַז ער מוז עפּעס דערפון האָבען צוגענומען פאַר זיך, און דער וואָס זאָגט לשלוח בה יד, דער האלט אַז עס מוז ניט זיין דערביי קיין חסרון. **מתקיף לה רב ששת מי נטלה קתני, מלטלה קתני? אלא אמר רב ששת הכא במאי עסקינן? כגון שטלטלה להביא עליה גוזלות וקסבר שואל שלא מדעת גזלן הוה וכולה ר' ישמעאל היא, וסיפא שהניחה במקום שאינה מקומה,** האָט רב ששת א קשיא געפרעגט ווי קענען זיי איינ־זעצען ביי נטלה לערנט דען די משנה נטלה, זי לערנט דאָך טלטלה? נאָר האָט רב ששת געזאָגט ווייסטו ווי דאָ שמועסט? וואו ער האָט איהר מטלטל געווען צו שטעלען זיך אויף איהר צו קענען אראָפּברייינגען די טויבען־קינדער פון די נעסטען, און ער האלט אַז מען לייהט אָ זאַך אָהן באלעבאָס וויסען, הייסט מען א גזלן, און די גאנצע משנה קומט ווי ר' ישמעאל, און די סיפא וואָס זאָגט ביי יחוד מקום משהניחה שמועסט וואו ער האָט איהר אַוועקגעשטעלט, ניט אין איהר באַוואוסטען פלאַץ. פרעגט די גמרא **ור' יוחנן? הניחה במקומה משמע** ווארום האָט ר' יוחנן ניט געקענט אַזוי איינזעצען ווי רב ששת? ענטפערט די גמרא ביי ר' יוחנן מיינט הניחה אין איהר געהעריגען פלאַץ. **איתמר רב ולוי חד אמר שליחות יד צריכה חסרון, וחד אמר שליחות יד אינה צריכה חסרון...** מיר האָבען געלערנט רב און לוי איינער זאָגט אַז ביי שליחות יד דאַרף זיין א חסרון, און איינער זאָגט עס דאַרף ניט זיין קיין חסרון. זאָגט די גמרא **תסתיים דרב הוא דאמר שליחות יד אינה צריכה חסרון, דתניא רועה שהיה רועה עדרו והניח עדרו ובא לעיר, ובא זאב וטרף ובא ארי ודרס פטור, הניח מקלו ותרמילו עליה חיב,** עס וועט זיך אַרויסווייזען אַז רב איז דאָס דער וואָס האלט אַז שליחות יד דאַרף ניט קיין חסרון, דען מיר האָבען געלערנט א פאסטוך וואָס האָט געהאלטען אין פאשען זיין סטאָדע און ער האָט די סטאָדע איבערגעלאָזט און אַוועק אין שטאָדט אריין, און דערווייל איז אָנגעקומען א וואָלף און פארצוקט און פאַר־שלעפּט אין זיי נאָרע, אָדער א לייב איז אָנגעקומען און דורס געווען און גע־פרעסען איז ער פטור ווייל דאָס איז אָן אונס וואָס ער האָט ניט געקענט ווירקען געגען, )ער כאפּט אָן ביים וואָלף טרף, ווייל א וואָלף פיהלט זיך ניט אַזוי שטארק צו קענען אויפ'ן אָרט אויפעסען, פאַרשלעפּט ער אין דער נאָרע, ניט אַזוי איז א לייב ער פרעסט אויפ'ן אָרט אַריין דעם קרבן(, אויב ער האָט אַוועקגעלייגט זיין שטעקען אָדער זיין רוק־זעקעל אויף דער בהמה, איז ער חייב ווייל דערמיט איז ער איהר קונה. **והוינן בה משום דהניח מקלו ותרמילו עליה חייב, הא שקלינהו? ואמר רב נחמן אמר רבה בר אבוה אמר רב בעודן עליה. וכי עודן עליה מאי הוי, הא לא משכה?** און מיר האָבען געפרעגט ביי דער זאַך, און צוליב אַז ער האָט אוועקגעלייגט אויף איהר זיין שטעקען אָדער זיין

רוק־זעקעל, איז ער חייב, ער האָט דאָך זיי צוריקגענומען איז דאָך גלייך ווי ער וואָלט די זאַך צוריקשטעלען אין איהר געהעריגען פלאַץ, ווי דאָ ביי דער חבית? און רב נחמן האָט אויף דעם געזאָגט פון רב וועגען אַז עס שמועסט וואו דער מקל אָדער תרמיל זיינען נאָך אויף דער פארצוקטער בהמה. איז דאָך די קשיא און אויב די זאַכען זיינען נאָך אויף איהר איז וואָס, ער האָט דאָך נאָך קיין משיכה צו קונה זיין איהר ניט געטאָן? **ואמר רב שמואל בר רב יצחק אמר רב שהכישה במקל ורצתה לפניו, והא לא חסרה? אלא לאו שמע מינה קסבר שליחות יד אינה צריכה חסרון**, און רב שמואל בר רב יצחק האָט אויף דעם געזאָגט פון רב וועגען, אַז עס שמועסט וואו ער האָט איהר געקלאַפט מיט׳ן שטעקען און זי איז פאָראויסגעלאָפען הייסט עס שוין א משיכה, און באלד פרעגט ער איבער אָבער צו חייב זיין ביי אונסין ווי דאָ, דאַרף דאָך עפּעס זיין געמאַכט פעהלען ביי איהר דורכ׳ן פאַסטוך, און דאָ איז דאָך לא חסרה? נאָר מוז זיין ניט אנדערש, אַז עס איז גערדרונגען, דאָס רב האַלט אז שליחות יד דאַרף ניט קיין חסרון, איז דאָך געדרונגען דאָס רב איז דער וואָס האַלט די סברה. ווענדט די גמרא אָפּ **אימא שהכחישה במקל, דיקא נמי דקתני שהכישה במקל, שמע מינה**, זאָג אַז דער שהכישה מיינט דאָ וואו ער האָט מיט דעם שלאָגען איהר אַביסעל אָפּגעמאָגערט, דו קענסט דיר אויך דרינגען אַזוי, דען ער לערנט טאַקע דעם לשון שהכחישה, איז גוט גע־דרונגען, אַז נאָר ביי חסרה הייסט שליחות יד צו חייב זיין אויף אונסין. פרעגט די גמרא **ומדרב סבר שליחות יד צריכה חסרון, לוי סבר שליחות אינה צריכה חסרון, מאי טעמא דלוי?** און אז רב האַלט שליחות יד דאַרף חסרון, מוז דאָך לוי האַלטען אינה צריכה חסרון, וואָס איז זיין סברה? **אמר ר׳ יוחנן משום ר׳ יוסי בן נהוראי משונה שליחות יד האמורה בשומר שכר משליחות יד האמורה בשומר חנם (דף מ"א, ע"ב) ואני אומר אינה משונה, ומאי ..משונה? לא תאמר שליחות יד בשומר שכר ותיתי משומר חינם?** האָט ר׳ יוחנן געזאָגט פון ר׳ יוסי בן נהוראי וועגען אַז די שליחות יד וואָס איז געזאָגט ביי שומר שכר איז אנדערש פון די שליחות יד וואָס איז געזאָגט ביי שומר חינם, און איך זאָג אַז איז ניט אנדערש און מיט וואָס איז זי אנדערש לויט ר׳ יוסי בן נהוראי? זאָל די תורה ניט שרייבען שליחות יד ביי שומר שכר, און עס זאָל ווערען ארויסגע־לערענט פון שומר חינם מיט א קל וחומר, **ומה שומר חינם שפטור בגניבה ואבידה, שלח בה יד חייב, שומר שכר שחייב בגניבה ואבדה לא כל שכן, למאי הלכתא כתבינהו רחמנא? לומר לך שליחות יד אינה צריכה חסרון?** מה־דאָך שומר חינם וואָס איז פטור פאַר גנבה ואבידה, פונ־דעסטוועגען דאָ וואו ער איז שולח יד איז ער חייב, איז דאָך שומר שכר וואו ער איז יאָ חייב פאַר גניבה ואבידה, געוויס ניט אנדערש נאָר אַזוי, הייגט צו וואָס האָט די תורה אַרויסגעשריבען שליחות יד אויך ביי שומר שכר? דאָס קומט צו לאָזען הערען אַז שליחות יד איז נאָך הארבער, ניט צו דאַרפען קיין חסרון. **ואני אומר אינה משונה כר׳ אלעזר דאמר דא ודא אחת היא, מאי דא ודא אחת היא? משום דאיכא למיפרך מה לשומר חינם? שכן משלם**

**תשלומי כפל בטוען טענת גנב**, און איך זאָג זי' איז ניט משונה ווי ר' אלעזר וואָס זאָגט אַז די און די איז איינס, מיט וואָס מיינסטו אַז די און די איז איינס? צוליב מען קען אָפּפרעגען, ווייסטו ווארום א שומר חינם איז חייב באונסין ביי שליחות יד? ווייל ער האָט אויך די חומרא צו באצאָהלען כפל וואו ער טענה'ט עס איז געגנב'ט געוואָרען ווערענד איין אמת'ן איז די זאך ביי אים. אָבער א שומר שכר איז דאָך פון כפל פטור, ווייל סיווי באצאָהלט ער דאָך באלד דעם קרן, מוז ער לאָזען הערען ביי אים אויך וועגען שליחות יד, צו חייב זיין ביי אונסיך. **ומאן דלא פריך, סבר קרנא בלא שבועה עדיפא מכפילא בשבועה**, און דער וואָס פרעגט ניט אָפּ אַזוי, איז ווייל ער האלט אַז קרן אָהן א שבועה איז מעהר חומרא פון כפל מיט א שבועה, איז דעריבער דער קל וחומר, ניט ארויסצושטעלען שליחות יד אָפּגעפרעגט. **רבא אמר לא תאמר יד לא בשומר חינם ולא בשומר שכר ותיתי משואל ומה שואל דלדעת בעלים קא עביד שלח בה יד חייב, שומר חינם ..ושומר שכר לא כל שכן?** רבא זאָגט זאָל די תורה ניט זאָגען שליחות יד ניט ביים שומר חינם און ניט ביים שומר שכר, און אַרויס־לערנען זיי פון א שואל מיט א קל וחומר, מה־דאָך שואל וואו ער טוט מיט'ן וויסען פון די בעלים, פונדעסטוועגען אַז ער האָט שולח יד געווען איז ער חייב, זיינען דאָך א שומר חינם און א שומר שכר געוויס ניט אנדערש נאָר אַזוי? **למה נאמר? חדא לומר לך שליחות יד אינה צריכה חסרון, ואידך שלא תאמר דיו לבא מן הדין להיות כנדון, מה שואל בבעלים פטור אף שומר חינם ושומר שכר בבעלים פטור**, צו וואָס טאקע זיינעןביידע געזאָגט? איינע קומט דיר זאָגען אַז שליחות יד דאַרף ניט קיין חסרון, און די צווייטע שליחות יד קומט זאָגען אַז דו זאָלסט ניט זאָגען ביי דעם קל וחומר פון שואל, עס זאָל זיין גענוג ביי שומר חינם און שומר שכר וועלכע קומען פון דעם קל וחומר — צו זיין ווי שואל אליין, דאָס פונקט ווי ער אויב די בעלים זיינען מיט איהם, איז ער פטור, אַזוי אויך שומר חנם און שומר שכר ווערענט די בעלים זיינען מיט זיי, זאָלען זיי זיין פטור. פרעגט די גמרא **ולמאן דאמר שליחות יד צריכה חסרון, הני תרתי שליחות יד למה לי? חדא שלא תאמר דיין לבא מן הדין להיות כנדון, ואידך לכדתניא**, און נאָך דעם מאן דאמר וואָס זאָגט אַז ביי שליחות יד דארף יאָ זיין, ער זאָל עפּעס מחסר זיין, צו וואָס זיינען די צוויי שליחות יד געדארפט? איינע איז גענדאַרפט צו לאָזען הערען, דו זאָלסט ניט זאָגען דיו צו שומר חנם און שומר שכר, צו זיין ווי שואל פון וועלכען זיי ווערען אַרויסגעלערנט, און ניט מעהר, נאָר אפילו ווען די בעלים זיינען ניט מיט זיי זאָלען זיי אויך חייב זיין, און די צווייטע שליחות יד קומט פאַר דער זאך וואָס איז געלערנט, דען מיר האָבען געלערנט, **ונקרב בעל הבית אל האלקים לשבועה, אתה אומר לשבועה או אינו אלא לדין? נאמרה שליחות יד למטה ונאמרה שליחות יד למעלה מה להלן לשבועה אף כאן לשבועה**, דער פסוק זאָגט ביי כפל אַז דער באלעבאָס זאָל ווערען גענענט צום בית דין, זאָגען די חכמים אַז עס מיינט צום בית דין פאַר א שבועה, און אַזוי מיינט דאָרט דער פסוק צו זאָגען, אויב עס ווערט אויפגעדעקט ניט

ווי ער זאָגט אַז עס איז גע'גנב'עט געוואָרען, נאָר ער אַליין האָט עס גע'גנב'ט און ער איז געשטעלט געוואָרען נאָך פריהער פאַר'ן בית דין פאַר א שבועה און ער האָט אָפּגעשוואָרען און עדות האָבען נאכהער באשטעטיגט די גנבה פון אים, באצאָהלט ער די כפל, דו זאָגסט פאַר א שבועה, טאָמער ניין, נאָר בלויז צום בית דין ווען ער האָט גע'טענה'ט פאַר זיי עס איז גע'גנב'ט געוואָרען כאָטש ער האָט נאָך ניט געשוואָרען, זאָל ער שוין באצאָהלען כפל לויט'ן אויסזאָגען פון די עדות? דעריבער איז געזאָגט געוואָרען שליחות יד, אונטען ביי שומר שכר, שבועת ה' תהיה בין שניהם אם לא שלח ידו, און עס איז געזגט געוואָרען אויבען ונקרב בעל הבית אל האלקים אם לא שלח, איז פונקט ווי דאָרט ביי שומר שכר און געמיינט פאַר א שבועה אַזוי דאָ ביים שומר חנם ביי כפל איז געמיינט פאַר א שבועה פריהער און דאַן ערשט דורך עדות באצאָהלט ער דעם כפל, און ממילא באווייזט דאָס אויך, אַז אויב ער שווערט אָפּ אַז עס איז גע'גנב'ט געוואָרען און קיין עדות אויף געגען זיינען ניטאָ איז ער פטור פון כפל: (דף מ"ב, ע"א) מתני', **המפקיד מעות אצל חבירו, צררן והפשילן לאחוריו או שמסרן לבנו ולבתו הקטנים ונעל בפניהם שלא כראוי חייב, שלא שימר כדרך השומרים, ואם שימר כדרך השומרים פטור**, אַז איינער האָט געגעבען צו באהאלטען געלד צו זיין חבר, און ער האָט זיי איינגעבונדען אין אַ זעקעל און אַזוי אַריבערגעוואָרפען אויף זיינע פלייצעס, אָדער ער האָט זיי איבערגעגעבען צו זיינע קינדער נאָך אַלס קליינע און ער האָט פאַרשלאָסען פאַר זיי ניט ווי געהעריג, איז ער חייב, ווייל ער האָט ניט געהיטען לויט'ן שטייגער פון שומרין, און אויב ער האָט יאָ געהיטען לויט'ן שטייגער פון שומרין איז ער פטור: גמ', פרעגט די גמרא **בשלמא כולהו שלא שימר כדרך השומרים, אלא צררן והפשילן לאחוריו מאי הוה ליה למיעבד? אמר רבא אמר ר' יצחק אמר קרא וצרת הכסף בידך אף על פי שצרורין, יהיו בידיך**, אנדערש די אַלע וועלכע ער האָט ניט געהיטען לויטען שטייגער פון שומר, איז רעכט וואָס ער איז חייב, אָבער ביי צררן והפשילן לאחוריו, וואו ער האָט דאָס געלד פאַרבונדען אין אַ זעקעל און פאַרוואָרפען אויף זיינע פלייצעס, וואָס נאָך האָט ער געדאַרפט טאָן? האָט רבא געזאָגט פון ר' יצחק ווענען דער פסוק זאָגט ביי פירענדיג די מעשר־שני־געלד זאָלסט איינבינדען די געלד אין דיין האנד, מיינט דאָס כאָטש די געלד זיינען פאַרבונדען, זאָלען זיי זיין אין דיין האנד, ווייל הינטער זיך הייסט פאַרט ניט געהיטען, **ואמר ר' יצחק לעולם יהא כספו של אדם מצוי בידו, שנאמר וצרת הכסף בידך, נאָך האָט ר' יצחק** געזאָגט דאָס אימער זאָל די געלד פון מענש זיין גרייט אין זיין האנד פאַר עפּעס א האנדעל פאַרדינסט וואָס קען זיך מאכען, **ואמר ר' יצחק לעולם ישליש אדם את מעותיו, שליש בקרקע ושליש בפרקמטיא ושליש תחת ידו**, נאָך האָט ר' יצחק געזאָגט דאָס אימער זאָל א מענש דריטלען זיין געלד, א דריטעל געלד זאָל ער אריינטאָן אין פעלד, א דריטעל אין האנדל און אַ דריטעל אַלס גרייט אין האנד, **ואמר ר' יצחק אין הברכה מצויה אלא בדבר הסמוי מן העין, שנאמר יצו ה' אתך את הברכה באסמיך, נאָך האָט ר' יצחק** געזאָגט די ברכה פון הימעל איז ניט

געוויינטליך נאר אין אַ זאך וואָס איז באהאלטען פון אויג, דען דער פסוק זאָגט ג־ט וועט געביטען מיט דיר די ברכה זי זאָל זיין אין דיינע פאַרמאכטע אוצרות. **תנא דבי ר' ישמעאל אין הברכה מצויה אלא בדבר שאין העין שולטת בו שנאמר יצו ה' אתך את הברכה באסמיך**, דבי ר' ישמעאל האָט געלערנט די זאך מיט אזא לשון אַז די ברכה איז ניט געוויינטליך, נאָר ביי א זאך וואָס די אויג האָט ניט קיין שליטה איבער איהר. **תנו רבנן ההולך למוד את גורנו אומר יהי רצון מלפניך ה' אלקנו שתשלח ברכה במעשה ידינו, התחיל למוד אומר ברוך השולח ברכה בכרי הזה**, די רבנן האָבען געלערנט דער וואָס געהט אויסמעסטען זיין שייער וואָס ער האָט אריינגענומען פון פעלד, זאָל ער זאָגען דער רצון פון דיר השם זאָל זיין אז דו זאָלסט שיקען די ברכה אין אונזער ארבעט ,האָט ער אָנגעפאנגען מעסטען, זאָל ער זאָגען געלויבט איז דער וואָס שיקט די ברכה אין דעם תבואה־הויפען, **מדד ואחר כך בירך, הרי זה תפילת שוא, לפי שאין הברכה מצויה לא בדבר השקול ולא בדבר המדוד ולא בדבר המנוי, אלא בדבר הסמוי מן העין שנאמר יצוה ה' אתך את הברכה באסמיך**, אַז איינער האָט אויסגעמאָסטען און נאכהער ערשט געבענטשט הייסט עס אַן אומזיסטע תפילה, ווייל די ברכה איז ניט געוויינטליך, ניט ביי אַ זאך וואָס איז געוואויגען און ניט ביי א זאך וואָס איז געמאָסטען און ניט וואָס איז געצעהלט, נאָר ביי א זאך וואָס איז באהאלטען פונ'ם אויג, די ערקלערונג דאָ איז ווייל א ברכה פון הימעל עס זאָל ווערען מעהר קומט מצד הנס, און ניסים טוט ג־ט ביי דער ערשטער האנד נאָר צו דעם וואָס איז ראוי צו א נס, דהיינו דער איד וואָס פיהרט אויך זיין גוף על דרך נס, און ווערט ניט מיטגעשלעפט נאָך די תאוות הטבע, ער קען אויך טאָן ניסים נסתרים צו די וואָס פירען זיך גוט אין דרך התורה אָבער זיינען אויך איינגעטאָן אין טבעית, אַלץ געהט פון הימעל מדה כנגד מדה, אָבער די וועלכע פיהרען זיך נגד התורה זיינען איינגאנצען אונטער דער טבע, סיידען עפעס א זכות אָדער א חוב זיינען מעורר צי צום גוטען צי צום שלעכטען, דהיינו איינער זאָל אָפקומען דאָ פאַר די זינד, אָדער אָפּכאַפּען דאָ פאַר די גוטס, אָבער פאַרט איז דאָך שווער, צו איז דען א ברכה ביי די פרוכטען אזא דבר גדול אז הקב"ה זאָל משנה זיין סדרי בראשית דערויף? נאָר דער אמת איז דאָ, דאָס שינוי סדרי בראשית וואָס הייסט אַן אויסערגעוויינליכע זאך, וואָס נאָר ביי גאָר גרויסע נויטען ווערט איינגעריסען מיט תפילות דער נס זאָל קומען, דאָס איז נאָר לגבי אונז, אָבער ביים באשעפער איז די סברה דוקא פאַרקערט, דאָס אויב השי"ת מוז צוליב אונז פיהרען מיט'ן דרך הטבע הייסט דאָס לגבי הקב"ה שכינתא בגלותא, ווייל טבעית פון אין סוף ב"ה איז צו פיהרען למעלה מן הטבע מיט נסים גלויים, אויב נאָר די פיהרונג פון כלל ישראל איז גוט און האלט עס ניט צוריק, דאמאָלט הייסט עס קידוש השם מצד ישראל, איז דעריבער דאָ דער אונטערשייד צווישען דבר הסומוי מן העין און דבר המנוי, ווייל ביי דבר הסמוי מן העין וואו די וועלט זעהט ניט דעם נס, קען פאַסירען נסים, דען ניסים נסתרים טוט השי"ת בכל רגע רגע אניט וואָלטען מיר ניט קענען אויסהאלטען. **אמר שמואל כספים אין להם שמירה אלא בקרקע, אמר**

**רבא ומודי שמואל בערב שבת בין השמשות דלא אטרחוהו רבנן**, האט שמואל געזאגט געלדער האבען ניט קיין שמירה נאר אין דער ערד, זאל ער דעריבער דעם פקדון פון געלד באהאלטען אין דער ערד .האט רבא געזאגט שמואל איז מודה אז אויב מען ברענגט צו אים דעם פקדון ערב שבת פאר זונזעצען, האבען אים דאמאלט די רבנן ניט מטריח געווען צו פארגראבען די געלד. **ואי שהה למוצאי שבת שיעור למקברינהו ולא קברינהו מחייב, ואי צורבא מרבנן הוא סבר דלמא מיבעי ליה זוזי לאבדלתא**, און אויב ער האט פארזוימט שבת־נאכט א שיעור צייט וואס נעמט צו פארגראבען און ער האט ניט פארגראבען אויב עפעס פאסירט איז ער הייב, און אויב דער מפקיד איז א תלמיד חכם, מעג ער דענקען דאס פיליכט וועט נאך דער מפקיד אנקומען נאך געלד צו קויפען אן הבדלה, אויב צוליב דעם ערווארט נאך מיט'ן געלד און פארגרבט עס ניט, איז ער ניט חייב, **והאידנא דשכיחי גשישאי אין להם שמירה אלא בשמי קורה, והאידנא דשכיחי פרומאי אין להם שמירה אלא ביני אורבי**, און יעצט אז עס זיינען פאראן גשושאי וואס געהען ארום מיט א שפיז שטעכענדיג די ערד צי עס געפינט זיך ניט עפעס אונטער איהר, איז ניט פאראן קיין שמירה נאר אין די בעלקעס אין דער הויך, און יעצט אז עס זיינען פאראן פרומאי וועלכע זוכען אויך דארט צו איינברעכען איז ניט פאראן קיין שמירה נאר אין די ווענט. **אמר רבא ומודה שמואל בכותל**, האט רבא געזאגט און שמואל איז מודה דאס אויך אין דער וואנט הייסט א גוטע שמירה. **והאידנא דשכיחי מפוחאי אין להם שמירה אלא בטפח הסמוך לקרקע או בטפח הסמוך לשמי קורה**, און יעצט אז עס זיינען פאראן די טפוחאי וואס קלאפען אן אין די ווענדט צו דערפיהלען צי עס איז דארט באהאלטען עפעס, איז ניט פאראן קיין שמירה נאר אין דעם טפח וואנדט נאהענט צו דער ערד אדער נאהענט צום באלקאן (סילינג). **אמר ליה רב אחא בריה דרב יוסף לרב אשי התם תנן חמץ שנפלה עליו מפולת הרי הוא כמבוער, ר' שמעון בן גמליאל אומר כל שאין הכלב יכול לחפש אחריו, ותנא כמה חפישת הכלב ? ג' מפחים**, האט רב אחא דער זוהן פון רב יוסף געזאגט צו רב אשי דארט האבען מיר געלערנט, חמץ וואס אויף אים איז איינגע־פאלען א הויז, איז גלייך ווי די חמץ וואלט זיין א וועקגערוימט, ר' שמעון בן גמליאל זאגט יעדע חמץ אונטער אזא מפולת אויב א כלב קען אהין ניט צוקומען נאכזוכענדיג דעם חמץ, און מיר האבען געלערנט וויפיל הייסט דער חפישת הכלב ? דריי טפחים. **הכא מאי מי בעינן שלשה טפחים או לא ? אמר ליה התם משום ריחא בעינן ג' טפחים הכא משום איכסויי מעינא לא בעינן ג' טפחים**, פרעג איך דיך, דא ווי איז דער דין, צי דארפען מיר דריי טפחים צי ניט ? האט ער צו אים געזאגט דארט ביים חמץ איז דער טעם צוליב געריך וואו דער כלב דערפיהלענדיג עס קען נאך אין פסח אפירשלעפען דעם חמץ ער זאל ווערען געזעהן, מוז טאקע זיין דריי טפחים, אבער דא איז דאך בלויז עס זאל זיין פארדעקט פאר'ן אויג דארפען מיר ניט קיין דריי טפחים. **וכמה ? אמר רפרם מסיכרא טפח**, און וויפיל דארף דא זיין ? האט רפרם פון סיכרא געזאגט איין טפח. **ההוא גברא דאפקיד זוזי גבי חבריה,**

**אותבינהו בצריפא דאורבני, איגנוב, אמר רב יוסף אף על גב דלענין גנבי נטירותא היא, לענין נורא פשיעותא היא הוה תחלתו בפשיעה וסופו באונס חייב**, א מאן וואס האט געגעבען געלד צו באהאלטען צו זיין חבר, האט ער זיי ארייגעלייגט אין אביידעל געפלאָכטען פון ריטלאך, זיינען זיי גע'גנב'ט געווארען, האט רב יוסף געזאָגט כאָטש געגען גנבים הייסט עס געהיטען, ווייל קיינער ריכט זיך ניט אַז דאָרט קען זיין געלד, אָבער געגען פייער הייסט עס א פשיעות אויב זיי זיינען ניט פארגראָבען אין דער ערד, הייסט דאָך זיין אָנפאנג מיט פשיעות און זיין ענד מיט אונס וואס עס איז גע'גנב'ט געווארען, איז ער חייב, **ואיכא דאמרי אף על גב דלענין נורא פשיעותא היא, לענין גנבי נטירותא היא ותחילתו בפשיעה וסופו באונס פטור) והלכתא תחלתו בפשיעה וסופו באונס חייב**, און טייל זאָגען כאָטש געגען פייער איז עס א פשיעות, געגען גניבה איז עס געהיטען, הייסט עס דאָך תחילתו בפשיעות וסופו באונס און ער איז פטור, און די הלכה איז תחילתו בפשיעה וסופו באונס איז חייב. **ההוא גברא אפקיד זוזי גבי חבריה, אמר ליה הב לי זוזאי, אמר ליה לא ידענא היכא אותבינהו, אתא לקמיה דרבא, אמר ליה כל לא ידענא פשיעותא היא זיל שלים**, איינער האט געגעבען געלד צו באהאלטען צום חבר, אין א צייט ארום האט ער צו אים געזאָגט גיב מיר מיין געלד, האט ער צו אים געזאָגט איך ווייס ניט וואו איך האב די געלד אוועקגע־לייגט, איז ער געקומען פאַר רבא צו א דין תורה, האט רבא צו אים געזאָגט יעדע לא ידענא הייסט א פשיעות, געה און באצאָהל, ווייל דיין פליכט איז צו געדענקען וואוהין דו האסט געלייגט די געלד. **ההוא גברא דאפקיד זוזי גבי חבריה, אשלמינהו לאימיה ואותבינהו בקרטליתא ואיגנוב, אמר רבא היכי נדייני דייני להאי דינא? נימא ליה לדידיה זיל שלים, אמר (דף מ"ב, ע"ב) כל המפקיד על דעת אשתו ובניו הוא מפקיד**, איינער האט געגעבען צו באהאלטען געלד צום חבר, נאָר האט איבערגעגעבען די געלד צו זיין מוטער, און זי האָט עס אריינגעטאָן אינ'ם קופערט, און עס איז פון דאָרט אוועקגע'גנב'ט געווארען, האט רבא געזאָגט ווי אַזוי קענען די דיינים דאָ משפט'ן דעם דין־תורה? זאָלען מיר זאָגען צו דעם וואס האט געהאלטען די געלד געה באצאָהל. קען ער דאָך אָבער טענה'ן אַז יעדער וואס גיט צו באהאלטען, מיט דער דעה פונ'ם ווייב און קינדער גיט ער צו באהאלטען. האָט ער געהאט די רעכט איהר צו געבען. **נימא לה לאימיה זילי שלימי, אמרה לא אמר לי דלאו דידיה נינהו לאקבורינהו**, זאָלען מיר זאָגען צו דער מוטער געה באצאָל דו ווייל דו האסט זיי ניט פארגראָבען, קען זי דאָך זאָגען ער האט מיר ניט געזאָגט אַז די געלד איז ניט זיינע, איך זאָל זיי פאַרגראָבען אין דער ערד, **נימא ליה אמאי לא אמרת לה? אמר כל שכן דכי אמינא לה דדידי נינהו טפי מזדהרא בהו**, זאָלען מיר ווידער זאָגען צו אים וואָרום האָסטו איהר ניט געזאָגט, קען ער דאָך זאָגען, איך דענק פאַרקערט דאָס געוויס איז עס אַזוי אַז איך זאָל איהר בעסטער זאָגען די געלד איז מיין, וועט זי זיין נאָך מעהר געוואָרענט, **אלא אמר רבא משתבע איהו דהנהו זוזי אשלמינהו לאימיה ומשתבעא אימיה דהנהו זוזי אותבינהו בקרטליתא ואיגנוב**

ופטור, נאָר האָט רבא געזאָגט אַז ער שווערט דאָס ער האָט די געלד איבערגעגעבען צו זיין מוטער און די מוטער שווערט אַז די געלד האָט זי אריינגעטאָן אינ'ם קופערט און איז פון דאָרט אַוועקגע'גנב'ט געוואָרען און ער איז פטור. ההוא אפטרופא דיתמי דזבן להו תורא ליתמי ומסריה לבקרא, לא הוו ליה ככי ושיני למיכל ומית, דער אפוטרופא פון יתומים האָט געקויפט אַן אָקס פאַר די יתומים און ער האָט אים איבערגעגעבען צום פיטער, האָט דער אָקס ניט געהאט קיין באק און פראָנט ציינער צו עסען איז ער געשטאָרבען, אמר רמי בר חמא היכי נדיינו דייני להאי דינא? נימא ליה לאפטרופא זיל שלים, אמר אנא לבקרא מסרתיה, נימא ליה לבקרא זיל שלים, אמר אנא כהדי תורי אוקומתיה אוכלא שדאי ליה, לא הוה ידעינן דלא אכל, האָט רמי בר חמא געזאָגט ווי אַזוי קענען דאָ די דיינים משפט'ן דעם דין? זאָלען מיר זאָגען צום אפוטרופא געה באַצאָהל, קען ער דאָך זאָגען איך האָב דעם אָקס צום פיטערער איבערגעגעבען, זאָלען מיר זאָגען צום פיטער געה באַצאָל, קען ער דאָך זאָגען איך האָב דעם אָקס נעבען אַנדערע אָקסען אַוועקגעשטעלט און עסען האָב איך אריינגעוואָרפען פאַר אים אין דער קאָרעטע, האָב איך ניט געקענט וויסען אַז ער האָט ניט גענעסען. פרעגט די גמרא מכדי בקרא שומר שכר דיתמי הוא איבעי ליה לעיוני? אי איכא פסידא דיתמי הכי נמי, והכא במאי עסקינן דליכא פסידא דיתמי, דאשכחוהו למריה דתורא ושקול יתמי זוזי מיניה, על כל פנים איז דאָך דער בקרא א שומר שכר פון די יתומים, האָט ער דאָך געדארפט אכטונג געבען צי דער אָקס עסט? ענטפערט די גמרא אויב עס וואָלט זיין שאָדען פאַר די יתומים וואָלט טאקע אַזוי זיין אַז דער בקרא זאָל באַצאָהלען, נאָר ווייסטו ווי דאָ שמועסט? עס שמועסט אַז עס איז ניטאָ קיין שאָדען פאַר די יתומים וייל זיי האָבען געפונען דעם באַלעבאָס פונ'ם אָקס און זיי האָבען אָפּגענומען די געלד פאַר איהם. און באלד פרעגט די גמרא איבער אלא מאן קא טעין? מריה דתורא קטעין איבעי ליה לאודועך, מאי מודעינן ליה, מידע ידע דמקח טעות הוי? נאָר ווער מאָהנט דאָ? דער באַלעבאָס פון אָקס טענה'ט דאָ, ער האָט דאָך אים געדארפט לאָזען וויסען אַז דער אָקס האָט ניט קיין ציינער, ניט וואַרטען ביז דער אָקס שטערבט. פרעגט די גמרא איבער וואָס האָט ער געזאָלט לאָזען וויסען, עס איז דאָך באוואוסט אַז דער קויף איז א טעות? ענטפערט די גמרא בספסירא דזבין מהכא ומזבין להכא, הלכך משתבע איהו דלא הוה ידע, ומשלם בקרא דמי בשר בזול. עס שמועסט ביי א סוחר פון בהמות וואָס קויפט פון דאָ און פאַרקויפט באלד צו ערגעץ וואו, איז דעריבער שווערט דער ספסיר אַז ער האָט ניט געוואוסט פון דעם, און דאן באצאָהלט דער בקרא פאַר'ן אָקס אַלס פלייש פאַר ביליג, דאָס מיינט פאַר צוויי דריטלען געלד, דער ספסיר מאָהנט מיט'ן כח פון די יתומים ביי וועמען דער בקרא איז א באצאָהלטער שומר וואָס האָט געדאַרפט לאָזען וויסען אַז דער אָקס עסט ניט מען זאָל קענען אים שעכטען פאַר פלייש. ההוא גברא דאפקיד כשותא גבי חבריה, הוה ליה לדידיה נמי כריא דכשותא, אמר ליה לפרסיה מהאי רמי, אזל רמא מאידך, איינער האָט געגעבען אזא גרינס

(האָפּען) צום חבר צו באהאלטען, די גרינס ווערט געגוצט צום מאכען מעד, האָט דער מאן זיין אייגענס אויך געהאט אזא האָפּען א גאנצען בארג, האָט ער געזאָגט צו זיין אונטערנעמער פון דעם וואָרף אַריין אינ'ם מעד, איז ער געגאַנגען און אריינגעוואָרפען פון די אַנדערע, **אמר רב עמרם היכי נדיינו דייני להאי דינא? נימא ליה לדידיה זיל שלים, אמר אנא אמרי ליה מהאי רמי, נימא ליה לפרסיה זיל שלים אמר לא אמר לי מהאי רמי ומהאי לא תירמי**, האָט רב עמרם געזאָגט ווי אַזוי קענען דאָ די דיינים משפט'ן דעם דין־תורה? זאָלען מיר זאָגען צו אים גיה באצאָל, קען ער דאָך זאָגען איך האָב אים דאָך געזאָגט, פון די וואָרף אַריין, מיינענדיג פון מיינע, זאָלען מיר זאָגען צום אונטערנעמער גיה באצאהל, זאָגט ער אַז דער באלעבאָס האָט מיר ניט געזאָגט פון די וואָרף אַריין, פון יענע ניט, בלויז פון די וואָרף אַריין קען קומען צו אַ מיספארשטענדעניס, פרעגט די גמרא **ואי דשהא שיעור לאתווי ליה ולא אייתי ליה, גלי אדעתיה דניחא ליה? בדלא שהא, סוף סוף מאי פסידא איכא, והא קא משתרשי ליה**, און אויב ער האָט סיווי געזוימט א וויילע פון קענען ברענגען, און ער האָט ניט געבראכט פון זיינע, נאָר טאקע גענומען פון יענעמס, האָט דאָך דער באלעבאָס זעהענדיג דאָס געוויזען דערמיט אַז ער איז צופרידען וואָס ער האָט גענומען יענעמס, דאַרף ער דאָך געוויס באצאָהלען, ענטפערט די גמרא עס שמועסט וואו ער האָט ניט פאַרזוימט קיין שום צייט באופן אַז דער באלעבאָס האָט געקענט פאַרזעהן, פרעגט די גמרא אָבער ענדליך וואָס פאַר א שאָדען איז דאָ פאראן, דעם באלעבאָס דינען זיי דאָך ביי דער משקה זאָל ער באצאָלען? **אמר ר' סמא בריה דרבא' דהוה שוכרא חלא, רב אשי אמר בכיסי (דף מ"ג, ע"א) ומשלם ליה דמי כיסי**, האָט רבי סמא דער זוהן פון רבא געזאָגט אז עס שמועסט וואו די משקה איז זויער געוואָרען, רב אשי זאָגט אַז די האָפּען זיינען געווען געמישט מיט ווילדע האָפּען, און ער דאַרף איהם באצאהלען דעם פרייז לויט ווי ער איז מיט די ווילדע האָפּען, וואָס האלטען נאָך אביסעל צוריק די גוטע פון צו ווירקען: **מתני', המפקיד מעות אצל שולחני אם צרורין לא ישתמש בהם לפיכך אם אבדו אינו חייב באחריותן, מותרין ישתמש בהן, לפיכך אם אבדו חייב באחריותן**, אַז איינער האָט געגעבען צו באהלטען געלד צו א וועקסלער, אויב די געלדט איז געווען איינגע־בונדען זאָל ער זיי ניט נוצען, דעריבער אויב זיי זיינען פאַרלוירען געגאַנגען, איז ער ניט חייב קיין אנדערע, זיינען די געלד אָפען מעג ער זיי נוצען און דעריבער אויב פאַרלוירען איז ער חייב אַנדערע, **אצל בעל הבית בין צרורין ובין מותרין לא ישתמש בהן, לפיכך אם אבדו אינו חייב באחריותן, חנוני כבעל הבית דברי ר' מאיר, ר' יהודה אומר חנוני כשולחני**, צו א באלעבאָס אַז ער גיט צו באהאלטען, סיי די געלד איז געבונדען סיי ניט, זאָל ער אַלץ ניט נוצען מיט זיי, דעריבער ביי פאַרלוירען, איז ער ניט חייב קיין אנדערע, א קרעמער האָט דעם דין פון אַ באלעבאָס ניט צו נוצען אַזוי האלט ר' מאיר, ר' יהודה זאָגט א קרעמער האָט דעם דין ווי א שולחני, דער וואָס גיט אָפענע געלד צו אַ וועקסלער פארשטעהט מען אַז ער איז מיט דער

מיינונג דאָס ער מעג אויך זיי נוצען: גמ', פרעגט די גמרא משום דצרורין לא ישתמש בהן? אמר רב אסי אמר רב יהודה בצרורין וחתומין שנו. רב מרי אמר בקשר משונה, איכא דאמרי בעי רב מרי קשר משונה מאי? תיקו. צוליב די געלד אזי געבונדען זאָל ער שוין ניט טאָרען נוצען, וואָס א באוויז איז דאָ דערויף? האָט רב אסי געזאָגט פון ר' יהודה וועגען עס שמועסט וואו די געלד איז געווען אי געבונדען אי פאר'חתמ'עט, רב מרי זאָגט מיט אן אנדער מאָדע קנופ וואָס באווייזט אַז ער איז געגען מען זאָל רירען די געלד, טייל זאָגען אז רב מרי האָט דאָס געפרעגט ווי איז דער דין מיט א קשר משונה? בלייבט די פראגע שטעהן: מותרין ישתמש בהן: אמר רב הונא ואפילו נאנסו, והא אבדו קתני? כדרבה, דאמר רבה נגנבו בלסטין מזויין, אבדו שטבעה ספינתו בים, די משנה זאָגט אויב ער נוצט די געלד איז ער חייב באחריות, האָט רב הונא אויף דעם געזאָגט אַז ער איז אפילו חייב באונסין, אויף דעם פרעגט די גמרא איבער, די משנה זאָגט דאָך בלויז אבדו און אַזאַ שטייגער קען אויך מיינען נגנבו, אָבער אונס ניט? עס איז ווי רבה האָט געזאָגט אַז גניבה מיינט דאָ דורך באוואפענטע גנבים און אבידה דורך שיף אונטערגאנג. רב הונא האלט אים אלס שואל וולכער איז חייב אפילו באונס, זאָלאנג ער האָט רשות צו נוצען, ורב נחמן אמר נאנסו לא, אמר ליה רבא לרב נחמן לדידך דאמרת נאנסו לא אלמא לא הוי שואל עלייהו, אי שואל לא הוי, שומר שכר נמי לא הוה? און רב נחמן זאָגט זאָלאנג ער נוצט ניט האָט ער ניט דעם דין ווי א שואל, נאָר אַזוי ווי ער האָט דעם רשות צום נוצען קריגט ער דעם דין ווי א שומר שכר וואָס איז חייב בגניבה ואבידה אָבער אויף אונסין ניט. האָט רבא געזאָגט צו רב נחמן לויט דיין געדאנק נאָך וואָס דו זאָגסט אַז אונס ניט, זעהען מיר דאָך פון דעם אַז דו האלסט אים ניט אלס שואל, און אויב ער איז ניט קיין שואל, איז ער קיין שומר שכר אויך ניט, דען וואָס א שכר קריגט ער דאָ פאַר'ן היטען? ער קריגט דאָך נאָר בלויז דעם רשות צו נוצען, וואו ער האָפט מיט דער געלד צו פאַרדינען, און ווירקליך הייסט דאָך דאס שאלה וואו די גאנצע הנאה געהער צו איהם? אמר ליה בהא מודינא לך דהואיל ונהנה מהנה בההוא הנאה דאי מיתרמי ליה זבינא דאית בה רווחא זבן בהו הוי עלייהו שומר שכר, האָט רב נחמן צו אים געזאָגט מיט דער זאַך בין איך דיר מודה אויב ער נוצט די געלד איז ער טאקע א שואל אָבער זאָלאנג ער האָט נאָך ניט גענוצט, נאָר בלויז וואָס ער האָט הנאה פון דעם רשות אויפ'ן געלד, דאָס טאָמער וועט זיך אים טרעפען עפּעס א קויף מיט פאַרדינסט וועט ער קענען קויפען מיט די געלד, הייסט ער דעריבער א שומר שכר. איתיביה רב נחמן לרב הונא המפקיד מעות אצל שולחני אם צרורין לא ישתמש בהן לפיכך אם הוציא לא מעל הגזבר, ואם מותרין ישתמש בהן לפיכך אם הוציא מעל הגזבר, האָט רב נחמן געפרעגט צו רב הונא, מיר האָבען געלערנט אַז דער גזבר פון הקדש געלד מיינענדיג, די געלד וואָס ער האלט אין האנד איז זיינע, גיט ער זיי צו באהאלטען ביי א וועקסלער, איז דער דין, אויב די געלד איז פאַרבונדען טאָר דער וועקסלער זיי ניט נוצען, דעריבער אויב דער שולחני האָט די געלד

אויסגעגעבען, האָט דער גזבר ניט מעל געווען, ווייל ניט געבענדיג אים רשות צו נוצען, הייסט ער ניט ווי זיין שליח. און אויב די געלד איז ניט געווען פארבונדען, מעג דער שולחני יאָ זיי נוצען, איז דעריבער אויב ער האָט די געלד אויסגעגעבען, האָט דער גזבר דערמיט מעל געווען. ואי אמרת אפילו נאנסו מאי איריא הוציא, אפילו לא הוציא נמי? אמר ליה הוא הדין אף על גב דלא הוציא ואיידי דתנא רישא הוציא תנא סיפא נמי הוציא. און אויב דו זאָלסט זאָגען אַז אפילו באונסין מיינט די משנה איז דער שולחני חייב באחריות, קומט דאָך אויס אַז פון דער מינוט אָן ווען מען האָט געגעבען אים צו באהאלטען, זיינען די געלד אַרויס פון רשות הקדש, און עס איז ווי גלייך געליגען, הייסט דאָך עס ווי אויסגעגעבען, היינט וואָס כאפט ער אָן וועגען אויסגעבען, אַפילו ניט אויסגעגעבען איז דאָך אויך אַזוי? האָט ער צו אים געזאָגט דער זעלבער דין איז טאקע ווען אַפילו ניט אויסגעגעבען. נאָר ווייל ער לערגט אין דער רישא הוציא, לערנט ער אויך שוין אין דער סיפא הוציא: מתני׳, השולח יד בפקדון בית שמאי אומרים ילקה בחסר וביתר, ובית הלל אומרים כשעת הוצאה, ר׳ עקיבא אומר כשעת התביעה, אַז איינער איז שולח יד אין א פקדון דהיינו ער זאָגט עס איז געשעהן מיט׳ן פקדון אן אונס, און נאכהער האָבען עדות געזעהן דעם פקדון ביי אים, זאָגען די בית שמאי אַז ער ווערט געשלאָגען מיט׳ן ווייניג און מיט׳ן מעהר, דהיינו וואו דער פקדון איז געפאַלען אין פרייז, באצאָהלט ער פונדעסטוועגען לויט דעם ווערט ווען ער האָט שולח יד געווען וואָס הייסט אין צייט פון גזילה, עס שמועסט וואו דער פקדון איז שוין ניט דאָ בעין, אַביט גיט ער אים צוריק די זאך אַליין. ער ווערט אויך געשלאָגען מיט׳ן מעהר, דהיינו ווען דער פקדון איז אַרויף אין פרייז באצאָהלט ער מעהר, לויט דער צייט פונ׳ם אויסגעבען. די בית הילל זאָגען לויט דער צייט פון אויסגעבען, די גמרא וועט ווייטער אויפקלערען וואָס בית הילל מיינען. ר׳ עקיבא זאָגט לויט דער צייט פונ׳ם מאָהנען דאָס וועט אויך באשיידט ווערען ווייטער: גמ׳, אמר רבה האי מאן דגזל חביתא דחמרא מחבריה, מעיקרא שויא זוזא השתא שויא ארבעה, תברא או שתייה משלם ארבעה, איתבר ממילא משלם זוזא, רבה האָט געזאָגט א מאן האָט צוגע׳גזל׳ט א פאַס וויין פון זיין חבר, פריהער ווערענד ער האָט גע׳גזל׳ט איז דער וויין ווערט געווען א זוזא, יעצט איז דער וויין אַרויף אויף פיר זוזים, האָט ער צובראָכען די פאַס וויין אָדער אויסגעטרונקען, באצאָהלט ער פאר אים פיר זוזים, איז דער פאַס וויין אַליין צובראָכען געוואָרען באצאָהלט ער נאָר איין זוזא. מאי טעמא? כיון דאי איתה הדרא למרה בעינא, ההיא שעתא דקא שתי ליה או דקא תבר לה קא גזל מיניה, ותנן כל הגזלנין משלמין כשעת הגזלה, וואָס איז די סברא וואָס ער באצאָלט לויט׳ן טייערען פרייז? וויבאלד ווען די זאך אַליין איז נאָך דאָ, געהט זי דאָך צוריק צום באלעבאָס ווי זי געהט און שטעהט, אָבער ווערענד ער האָט איהר אויסגעטרונקען אָדער צובראָכען דאמאָלט הייסט דאָך בשעת גזילה, און מיר האָבען דאָך געלערנט אַז אלע גזלנין באצאָהלען לויט דער צייט פון גזילה און דאמאָלט איז ער דאָך שוין ווערט געווען פיר זוזים, איתבר ממילא

**משלם זוזא, מאי טעמא?** **השתא לא עביד לה ולא מידי, אמאי קא מחייבת ליה?** **אההיא שעתא דגזלה, ההיא שעתא זוזא הוא דשויא,** אַז די פאַס איז פון זיך צובראָכען געוואָרען באַצאָהלט ער נאָר א זוזא, וואָס איז די סברה? אלס דערוויל האָט ער דאָך נאָך גאָרניט געטאָן, אויף וואָס קענסטו אים דען מחייב זיין, אויף דער צייט ווען ער האָט גע'גזל'ט, און דאמאָלט טאקע איז ער נאָר איין זוזא ווערט געווען. זאָגט די גמרא **תנן בית הלל אומרים כשעת הוצאה, מאי כשעת הוצאה?** **אילימא כשעת הוצאה מן העולם, ובמאי?** **אי בחסר מי איכא למאן דאמר, והא תנן כל הגזלנין משלמין כשעת הגזילה?** איך וועל דיך פרעגען די בית הלל זאָגען ער באַצאָהלט לויט דער צייט פון הוצאה, וואָס מיינט דאָ שעת הוצאה? זאָלען מיר זאָגען אַז שעת הוצאה מיינט ווען די זאַך קומט אוועק פון דער וועלט, און ביי וואָס קען דאָ מיינען אַז בית הלל קריגען? אויב ביי חסר ווען דער פקדון איז געפאלען אין פרייז, אין דען אויף דאמאָלט פאַראַן א תנא וואָס זאָל זאָגען אַז מען באַצאָהלט ניט לויט שעת הגזילה, מיר האָבען דאָך געלערנט א משנה אַזוי אז כל הגזלנין משלמין כשעת הגזילה? **ואי ביתר היינו בית שמאי?** און אויב אויף מעהר, אַז די זאַך איז געשטיגען באַצאָהלט ער מעהר, זאָגען זיי דאָס זעלבע ווי בית שמאי? (**דף מ"ג, ע"ב**) **אלא פשיטא כשעת הוצאה מבית בעלים, לימא רבה דאמר כבית שמאי?** נאָר געוויס מוז זיין אַז שעת הוצאה מיינט ווען ער ציהט אַרויס פון באַלעבאָס הויז וואָס מיינט כשעת הגזילה, און די בית שמאי האַלטען כשעת הוצאה מן העולם, און זיי קריגען דאָ אויף יתר, לויט דעם קומט דאָך אָבער אויס צו זאָגען אַז רבה זאָגט ווי די בית שמאי אַז ער באַצאָהלט לויט דער צייט פון פאַרניכטונג? א זאַך וואָס איז געגען דער הלכה? **אמר לך רבה ביתר כולי עלמא לא פליגי, כי פליגי בחסר, בית שמאי סברי שליחות יד אינה צריכה חסרון, וכי חסר ברשותא דידיה חסר, ובית הלל סברי שליחות יד צריכא חסרון וכי חסר ברשותא דמריה חסר,** רבה קען דיר אזא ענטפער געבען, אַז ביי יתר קריגט קיינער ניט, דאָס זיכער ער באַצאָהלט לויט הוצאה מן העולם, אַי וואָס דיר איז שווער געווען די משנה משלמין כשעת הגזילה? אויב ביי גזילה ממש וואָלט טאקע אַזוי געווען, אָבער דאָ איז דאָך די זאַך געקומען בהיתר אין זיין האַנד, און דו ביזט דאָך אים מחייב צוליב שליחות יד, קריגען זיי טאַקע אין דער סברה, די בית שמאי האַלטען אַז ביי שליחות יד דאַרף ניט זיין ער זאָל עפּעס מחסר זיין, אפילו אָהן מחסר זיין הייסט אויך גזלה און עס שטעהט אין זיין רשות, איז אויב די זאַך איז געפאַלען אין פרייז, איז עס אין זיין רשות געפאלען, אויב די זאַך איז נאָך בעין ווי געווען, קען ער אים זאָגען, דאָ האָסטו דיינס, קענסט עס נעמען, יעצט אַז דער האָט די זאַך אויסגעגעבען, באַצאָהלט ער לויט דער צייט פון שליחות יד, און די בית היילל האַלטען אַז שליחות יד דאַרף יאָ חסרון, היינט האָט ער דאָך מחסר געווען, ווען די זאַך איז נאָך געווען אין רשות פונ'ם באַלעבאָס, באַצאָהלט ער כשעת הוצאה פון ווען ער איז מחסר. פרעגט די גמרא **אלא הא דאמר רבא שליחות יד אינה צריכה חסרון, לימא רבא דאמר כבית שמאי?** אָבער דאָס וואָס רבא האָט

געזאָגט אויבען אַז שליחות יד דאַרף ניט קיין חסרון, קומט דאָך אויס צו זאָגען אז רבא האָט עס געזאָגט לויט די בית שמאי, וואָס איז ניט לויט דער הלכה? נאָר זאָגט די גמרא **אלא הכא במאי עסקינן? כגון שטלטלה להביא עליה גוזלות ובשואל שלא מדעת קא מיפלגי, בית שמאי סברי שואל שלא מדעת גזלן הוי, וכי חסר, ברשותא דידיה חסר, ובית הלל סברי שואל שלא מדעת, שואל הוי, וכי חסר ברשותא דמרה חסר.** נאָר ווייסטו ווי די משנה דאָ שמועסט? וואו ער האָט דעם פקדון מטלטל געווען — לאָמיר אָנעמען אַז דאָס איז א פאַס ווייַן — צו קענען מיט איהר ארונטערנעמען פון די הויכע נעסטען די טייבעלאַך, און זיי קריגען וועגען שואל שלא מדעת, דען ער האָט דאָך געליגען די פאַס אָהן דעם וויסען פון'ם באלעבאָס, די בית שמאי האלטען, אָהן דעם וויסען אַז ער לייהט, הייסט ער א גזלן, וואָס דערמיט שטעלט ער דעם פקדון אין אייגענעם רשות, קומט דאָך אויס אַז וואָס ער האָט מחסר געווען, האָט ער מחסר געווען אין אייגענעם רשות, איז דעריבער ילקה בחסר וביתר, און די בית הלל האלטען אַז שואל שלא מדעת האָט דעם דין פון א שואל, איז דאָך וואָס ער האָט מחסר געווען, געטאָן געוואָרען אין באלעבאָס רשות, האלטען זיי דעריבער אַז ער באצאָהלט כשעת הוצאה, פרעגט די גמרא **אלא הא דאמר רבא שואל שלא מדעת לרבנן גזלן הוי, לימא רבא דאמר כבית שמאי?** אָבער וואָס רבא זאָגט — איינשטעלענדיג די מחלוקת צווישען די רבנן און ר' יהודה — אין בבא בתרא דף פ"ח, אַז די רבנן האַלטען שואל שלא מדעת איז אַ גזלן, און ער זאָגט דאָך עס אום זיין סברה זאָל אויסקומען לויט די רבנן לויט דער הלכה, און די סברה קומט דאָך דאָ אויס ווי די בית שמאי? נאָר זאָגט די גמרא **אלא הכא בשבח של גזילה קמיפלגו, בית שמאי סברי שבח גזילה דנגזל הוי, ובית הלל סברי שבח גזילה לגזלן הוי, ובפלוגתא דהני תנאי דתניא הגוזל את הרחל גוזה וילדה משלם אותה ואת גיזותיה ואת ולדותיה דברי ר' מאיר, ר' יהודה אומר גזילה חוזרת בעיניה,** נאָר דאָ קריגען זיי אין שבח פון גזילה, וואו די גזילה איז בעסער געוואָרען, די בית שמאי האלטען אז שבח גזילה באלאנגען צום נגזל, און די בית הלל האלטען אַז שבח גזילה באלאנגען צום גזלן, און אין דער מחלוקת פון די תנאים איז די מחלוקה, דען מיר האָבען געלערנט אַז איינער האָט געַ'גזל'ט א שעפסעל און האָט איהר געשוירען די וואָל און זי האָט געווינען קינדער, באצאָהלט ער פאַר איהר און פאַר איהר שערונג און פאַר איהרע קינדער, אַזוי האלט ר' מאיר, ר' יהודה זאָגט אַז די גזילה געהט צוריק ווי זי איז אין איהר צושטאנד אָהן די וואָל און די קינדער, און די ווערטער חסר יתר אין דער משנה, מיינט חסר די וואָל וואָס איז אראָפּגענומען געוואָרען פון דער שאָף, און יתר מיינט די ולדות וואָס זיינען צוגעקומען. **דיקא נמי דקתני בית שמאי אומרים ילקה בחסר וביתר, ובית הלל אומרים כשעת הוצאה, שמע מינה,** דו קענסט דיר אויך דרינגען פון דער משנה אַז זי שמו־עסט וועגען גיזות און ולדות, דען זי לערנט דעם לשון חסר און יתר אנשטאָט זול און יוקר, איז גוט געדרונגען: **ר' עקיבא אומר כשעת התביעה: אמר רב יהודה אמר שמואל הלכה כר' עקיבא, ומודה ר' עקיבא במקום שיש**

עדים, מאי טעמא? דאמר קרא לאשר הוא לו יתננו ביום אשמתו, וכיון דאיכא עדים מההוא שעתא הוא דאיחייב ליה אשמה, האָט רב יהודה געזאָגט פון שמואל ועגען אַז די הלכה איז ווי ר' עקיבא, אַז ער באַצאָהלט לויט דער צייט פון מאָהנען, און ר' עקיבא איז מודה וואו עס איז פאַראַן עדות וויפיל די זאך איז ווערט געוועזן אין טאָג פון גזילה, זעהענדיג דאמאָלט ווי ער האָט גע'גזל'ט דאָס ער באַצאָהלט כשעת הגזילה. וואָס איז דער טעם פון ר' עקיבא וואָס ער זאָגט כשעת התביעה? דען דער פסוק זאָגט צו דעם וואָס די זאך האָט באַלאַנגט, איהם זאָל ער געבען אין טאָג פון זיין שולד, מיינט דאָס אַז אין דעם פרייז געלד פון דעם טאָג ווען ער איז חייב געוואָרען, דהיינו וואו ער האָט מודה געוועזן ביים בית דין צום מאָהנער הייסט דער טאָג יום אשמתו. אָבער וויבאַלד עס זיינען פאַראַן עדות וועגען דער גזילה ביי אים און מען שטעלט אים צום בית דין, איז פון דער צייט אָן ווען ער ווערט דורך זיי אלס חייב, פאַרעכענט אַלס יום אשמה, ניט ערשט ווען דער בית דין אורטיילט. אמר ליה ר' אושעיא לר' יהודה, רבי אתה אומר כן? הכי אמר ר' אסי אמר ר' יוחנן חלוק היה ר' עקיבא אפילו במקום שיש עדים, מאי טעמא? דאמר קרא לאשר הוא לו יתננו ביום אשמתו ובי דינא הוא דקא מחייבי ליה אשמה. האָט ר' אושעיא געזאָגט צו ר' יהודה, רבי דו זאָגסט אַזוי? אַזוי האָט ר' אסי געזאָגט פון ר' יוחנן ועגען אַז ר' עקיבא קריגט אפילו ווען ערנד עס זיינען פאַראַן עדות אויף יום הגזילה, וואָס איז די סברה? דען דער פסוק זאָגט, ביום אשמתו און דער בית דין איז דאָס דער וואָס זיינען מחייב און מאכען דעם טאָג אלס יום אשמה. אמר ליה ר' זירא לר' אבא בר פפא כי אזלת להתם אקיף אסולמא דצור ועול לגבי דר' יעקב בר אידי ובעי מיניה אי שמיעא ליה לר' יוחנן אי הלכה כר' עקיבא או אין הלכה כר' עקיבא? האָט ר' זירא געזאָגט צו ר' אבא בר פפא, אַז דו וועסט געהן אויף ארץ ישראל רינגעל ארום אויף דעם אַרויפגאַנג פון באַרג צור, לעג באַדיי אָפּ וועג און געה אַרויף צו ר' יעקב בר אידי און פרעג אים צי ער האָט געהערט פון זיין רבי'ן ר' יוחנן אַז די הלכה איז ווי ר' עקיבא, אָדער די הלכה איז ניט ווי ר' עקיבא? אמר ליה הכי אמר ר' יוחנן הלכה כר' עקיבא לעולם, מאי לעולם? אמר רב אשי שלא תאמר הני מילי היכי דליכא עדים, אבל היכא דאיכא עדים לא, האָט ער צו אים געזאָגט אַז ר' יעקב בר אידי האָט צו אים געזאָגט, אַז אַזוי האָט ר' יוחנן געזאָגט אַז די הלכה איז ווי ר' עקיבא און אימער אַזוי, וואָס איז געמיינט דאָ מיט'ן וואָרט לעולם? האָט רב אשי געזאָגט עס איז געמיינט אַז דו זאָלסט ניט זאָגען דאָס די רייד „הלכה כר' עקיבא" איז געמיינט נאָר וואו עס איז ניט פאַראַן קיין עדות, אָבער וואו עס זיינען פאַראַן עדות איז ניט די הלכה ווי ר' עקיבא, נאָר אין אַלע פאַלען איז די הלכה ביי דעם ווי ר' עקיבא, ואי נמי דאהדרה לדוכתה ואיתברא, לאפוקי מדר' ישמעאל דאמר לא בעינן דעת בעלים, קא משמע לן דבעינן דעת בעלים, און אויך אפילו ווען דער וואָס האָט מטלטל געוועזן די פאַס וויין, האָט איהר צוריקגעשטעלט אין איהר פלאַץ און ערשט נאכהער איז זי צובראָכען געוואָרען פון זיך זעלבסט, אויך ביי דעם איז די הלכה

ווי ר' עקיבא וואָס זאָגט אויבען ביי גנב טלה אַז עס דאַרף זיין דעת בעלים, צו ארויסציהען פון ר' ישמעאל וואָס זאָגט אַז מיר דאַרפען ניט קיין דעת בעלים, לאָזט ער אונז הערען לויט ר' עקיבא אַז מיר דאַרפען יאָ דעת בעלים, ורבא אמר הלכה כבית הלל און רבא זאָגט אז די הלכה איז ווי בית הלל אַז ער באַצאָהלט כשעת הגזלה און מיר טוען ווי רבא וואָס איז א שפּעטרער: מתני', החושב לשלוח יד בפקדון בית שמאי אומרים חייב, ובית הלל אומרים אינו חייב עד שישלח בו יד, שנאמר אם לא שלח ידו במלאכת רעהו, אַז איינער באַשליסט צו צונעמען פאַר זיך יענעמס פקדון, זאָגען די בית שמאי ער איז חייב, און די בית הלל זאָגען ער איז ניט חייב ביז ער איז שולח יד, דען דער פסוק זאָגט אויב ער האָט ניט שולח יד געווען אין דער אָנגע־ארבעטע זאַך פון זיין חבר, מוז ער דאָך שולח יד זיין צו זיין חייב, הטה את החבית ונטל הימנה רביעית ונשברה אינו משלם אלא רביעית, הגביה ונטל הימנה רביעית ונשברה משלם דמי כולה, אַז ער האָט אָנגעבויגען די פאַס און ארונטערגענומען א פירטעל קוואַרט און נאכהער אין א צייט ארום איז זי צובראָכען געוואָרען, באַצאָלט ער ניט נאָר פאַר דעם רביעית ווייל מיט דעם אָנבויגען האָט ער ניט קונה געווען די פאַס צו חייב זיין אלס שואל, האָט ער אויפגעהויבען די פאַס און ארונטערגענומען א רביעית, און נאכהער איז זי צובראָכען געוואָרען, באַצאָהלט ער פאַר איהר די גאַנצע געלד:

(דף מ"ד,ע"א) גמ', מנא הני מילי? דתנו רבנן על כל דבר פשע, בית שמאי אומרים מלמד שחייב על המחשבה כמעשה, ובית הלל אומרים אינו חייב עד שישלח בו יד שנאמר אם לא שלח ידו במלאכת רעהו, פונוואַנען זיינען געדרונגען די רייד אויף מחשבה כמעשה? דען די רבנן האָבען געלערנט דער פסוק זאָגט אויף יעדען ענין פשע זאָגען די בית שמאי ווייל עס שטעהט „דבר" כאָטש צו מאָהל איז עס טייטש עניך, איז אָבער דבר פון לשון רעדען וואו ער באַשליסט צו פושע זיין, דאָס קומט אָנלערנען צו חייב זיין אויף מחשבה כמעשה אַז א באַשלוס אין דער מחשבה צו פושע זיין, קיין אונטערשיעד צי ער רעדט אים אַרויס צי ניט איז ער חייב אויף אים ווי במעשה, און די בית הלל זאָגען ער איז ניט חייב ביז ער איז שולח יד צוליב דעם פסוק, ווייל זיי טייטשען דבר אויף ענין פשע וואו טאַקע ער איז שולח יד, אמרו להן בית שמאי לבית הלל והלא כבר נאמר על כל דבר פשע? אמרו להן בית הלל לבית שמאי והלא כבר נאמר אם לא שלח ידו במלאכת רעהו? האָבען די בית שמאי געזאָגט צו בית הלל, עס איז דאָך שוין לאַנג געזאָגט על כל דבר פשע וואו ער באַשליסט און רעדט צו זיך צו פושע זיין? האָבען די בית הלל צוריק געפרעגט דער פסוק האָט דאָך שוין לאַנג געזאָגט אם לא שלח ידו? אם כן מאי תלמוד לומר על כל דבר פשע? שיכול אין לי אלא הוא, אמר לעבדו ולשלוחו מנין? תלמוד לומר על כל דבר פשע, אַי וואַרום האָט די תורה געשריבען על כל דבר פשע, דער כל דבר איז דאָך מרבה יעדען ענין פשע? איז דער ענטפער ווייל איך וואָלט מיינען אַז פון אם לא שלח ידו קען איך ניט וויסען נאָר אַז ער אַליין איז שולח יד, אַז ער האָט געזאָגט צו זיין דינער אָדער דיין שליח פונוואַנעט איז געדרונגען

אז ער איז חייב? דערויף שטעהט על כל דבר פשע דאס יעדער ענין פשע צי ער אליין צי דורך א שליח איז ער חייב: **הטה את החבית כו'**: **אמר רבה לא שנו אלא נשברה אבל החמיצה משלם את כולה, מאי טעמא? גירי דידיה הוא דאהני לה**, ארונטערנעמענדיג פונ'ם פאס אביסעל, וואו ער איז נאר חייב פאר'ן רביעית אבער אויפ'ן גאנצען פאס איזער פטור, זאגט אויף דעם רבה אז די חכמים האבען דאס ניט געלערנט, נאר ביי דעם פאל וואו זי איז צובראכען געגאנגען, אבער אז די פאס ווין איז זויער געווארען באצאהלט ער די גאנצע. וואס איז די סברה? ווייל מאכענדיג די פאס טיילווייז ליידיג ווערען די טיילען ווענטלאך דארט זויער אדער גאר שימעלדיג און זיי פאר־זויערען דעם גאנצען ווין אין פאס, איז עס גלייך ווי זיינע פיילען וואלטען ווירקען דא: **..הגביהה ונטל הימנה כו'**: **אמר שמואל לא נטל נטל ממש אלא כיון שהיגביהה ליטול אף על פי שלא נטל, לימא קסבר שמואל שליחות יד אינה צריכה חסרון**, האט שמואל געזאגט אז דער „נטל" דא מיינט ניט טאקע ארונטערגענומען, נאר ווייבאלד ער האט אויפגעהויבען אויף צו נעמען, כאטש ער האט ניט גענומען איז ער שוין חייב פאר'ן גאנצען. פרעגט די גמרא קומט דאך אויס צו זאגען אז שמואל האלט אז שליחות יד דארף ניט קיין חסרון? ווענדט די גמרא אפ **אמרי לא, שאני הכא דניחא ליה דתיהוי הא חבית כולה בסים להא רביעית**, לעולם קען איך דיר זאגען אז שמואל האלט ניט שליחות יד דארף ניט קיין חסרון, אי וואס ער דארף ניט ארונטערנעמען קיין רביעית? איז ווייל דא איז אנדערש, דען עס איז ניחא אים אז די פאס זאל זיין פול אלס בסים צו אויפהאלטען אויף דעם רביעית וואס ער דענקט צו ארונטערנעמען אום זי זאל ניט קאלע ווערען. ווייל א גרעסערער קוואנטום האלט אן דעם ווין פרישער, פון זויער צו ווערען, און ווייל ער האט די פאס אונטערגעהויבען צו שולח יד זיין נאר ער האט ניט ארונטערגענומען, כדי די רביעית אין פולען פאס זאל זיין געהיטען פון זויער צו ווערען, איז עס גלייך ווי ער וואלט יא ארונטערגענומען נאר אוועק־געלייגט מיט די איבעריגע ווין צו זיין געהיטען, און ער ווערט אלס שואל איבער די רעשט ווין מיט'ן חבית, וואו ער איז חייב באונסין. **בעי רב אשי הגביה ארנקי ליטול הימנה דינר מהו? חמרא הוא דלא מינטר אלא אגב חמרא אבל זוזא מינטר, או דילמא שאני נטירותא דארנקי מנטירותא דדינר? תיקו.** האטש רב אשי א פראגע געפרעגט אז איינער האט אונטער־געהויבען א בייגירטעל מיט געלד וואס איז געווען ביי אים אלס פקדון, מיט דער כוונה צו ארויסנעמען א דינר נאר ער האט ניט ארויסגענומען כדי ער זאל זיין מיטגעהיטען מיט'ן בייגירטעל־געלד, ווי איז דער דין, צי איז דאס גלייך מיט'ן ווין דא, צי זאגען מיר דאס נאר ביי ווין איז דער דין אזוי, ווייל ווין ווערט ניט געהיטען אין גוטען צושטאנד נאר צוליב דעם רעשט ווין אלס פול, אבער געלד קען יא געהיטען זיין אויך אויסערען גירטעל, אדער פיליכט איז די היטונג פונ'ם ארנקי אין באצוג צום דינר אנדערש פונ'ם היטען דעם דינר אלס אפגעזונדערט פונ'ם ארנקי? בלייבט די פראגע שטעהן:

**הדרן עלך המפקיד**

# דף ב', ע"א:

**ומי מצית אמרת מאי מצאתיה ראיתיה, והא אמר רבנאי ומצאתה וכו'.**

**ר"ל** דיש הבדל בין עתיד הגמור ובין עבר המהופך לעתיד שעבר המהופך לעתיד מורה על עבר נשלם בזמן העתיד, ר"ל דהמלה תהי' סובלת שניהם עבר ועתיד ביחד, שאהני בה גם משמעות העבר (בלע"ז און דו וועסט איהר האבען געפונען) וזה יעויר כשהמציאה כבר בידו. וסלקא דעתך המקשה דאין הפרש בין לשון המשנה ובין לשון הקרא, ושאלהו איך תאמר מאי מצאתיה ראיתיה אע"ג דלא אתי לידיה, והא אמר רבנאי ומצאתה דאתי לידיה משמע, (דהיה לו לכתוב ותמצאה בעתיד הגמור) וכל שכן במשנתנו דהוה עבר הגמור. ומתרץ אין ומצאתה דקרא דאתי לידיה משמע, דהכתובים תמיד בדיוק, לא כדרך העולם, ומיהו תנא לישנא דעלמא נקט ומדקזי ליה אומר הנה אשכחית ואע"ג דלא בא לידו, ולזה כפל כולה שלי דברייתא בעלמא לא קני.

**דע** שדרוש זה וי"ו המהפך לא תמיד משתמשים בו חז"ל אלא היכא דאיכא למידרש, ר"ל היכא דאיכא למיטעי אם יכתוב בעתיד הגמור אזי אמרינן דבכיוון מהפכו ע"י וי"ו, דהתורה לא תמנה דבריה ומזנים לה להודיע על ידם דיני התורה היכא דאיכא מקום לטעות. אבל במקום שאין יפול בו טעות לא תשגה התורה לדבר בוי"ו המהפך ותשקיף בזה על הידור הלשון, שכן בתחילות הפסוק מתחיל תמיד בוי"ו המהפך אף שאינו מכוין לכלל זה, ולרוב ישמש הוי"ו לשתים לחבר המאמר ולהפוך המלה, כמו וקם העם הזה וזנה וכדומה רבים ישתרע בתנ"ך, וכל זה להידור הלשון ולקצרו, אם אך לא ישנה בזה הבנת הענין ותורת ה' תמימה מאירת עינים. שכן על תירץ הגמ' בריש ברכות א"כ לימא קרא ויטהר מאי וטהר ש"מ תרתי פי' התוס' דהיה לו לומר ויטהר לשון מגורר (אף שהיא נגד מנהג הלשון) כי היכא דלא לטעות.

**שים** לבך על דרשות כאלה.

**כתובות,** דף מ"ג ע"ב: אמר רבא הא מלתא קשיא בה רבה ורב יוסף עשרין ותרתין שנין, יתן להוד ונתן לחוד וכו'.

**דיש** הבדל בין עתיד הגמור לעבר הנהפך לעתיד על ידי „ו", שהעבר המהופך לעתיד מורה על עבר נשלם בזמן העתיד בלע"ז (ער זאל האבען געגעבען) משא"כ י ת ן שמורה לעתיד, ולכן דוקא אם כבר נתן לאביה. וקשאי בזה עשרין ותרתין שנין, שלא היה בידם כלל זה עד שפירש להם. עיין שם. וכן ולקחתם לקיחה תמה, וכתבתם כתיבה תמה ועבדתם עבודה תמה וכדומה, כלומר מזה שבא העבר המהופך לעתיד שמורה על פעולה נשלמה ואמר כן לקיחה תמה בדרך האחות בכמה מקומות בש"ס, כדי לציין הדרשה דתורת הפה לא ניתנה לכתוב וחששו שלא תשתכח ועשו כך ציונים לתורה.

**וכן** ברכות ד פט"ו ע"ב, תני רב עובדי' קמיה דרבא ולמדתם שיהא למודך תם שיתן ריוח בין הדבקים, עני רבא אבתריה כגון על לבבך על

לבבכם וכו' ר"ל שסובלת המלה עבר ועתיד ביחד (בלע"ז איהר זאלט האבען געלערנט) ואם מחבר הדבקים על לבבך הלא נחסרת מלה אחת משתי המלות מטעם למ"ד הנבלעת וצריך לחזור ולקרות כסדרן בזה אחר זה לאהבות ביה גם לשון העבר. להלכה יצא אף אם לא נתן ריוח בין הדבקים ולמדתם נלקח לדרשה אחריתא למלמדי תינוקות ב"ב דף כ"א ע"א, ור"ל ולמדתם אתם (עמם) כדי שילמדו את בניכם ולמודך תם מוסב על המלמדים. ומטעם זה עצמו דריש שם דף י"ג ע"א ת"ר ק"ש ככתבה דברי רבי וחכ"א בכל לשון ולפי שטתם מבע"ל והיו שלא יקרא למפרע. (והיו, זיי זאלען האבען געוועזען) וזה מוכיח שיהיו כסדרן בזא"ז, ושפיר כולל מלת והיו לבחינת עבר ועתיד ביחד.

